קרית ברסלב בלעטל

שנה ה' נומער 236 פרשת כי תצא · תשפ״ד

אידישע נייעס:
פאלט נישט
פאר סקעמערס. 9

**פאר די
ברסלב׳ע שטוב:**
א בָאד אין
פיש זאפט. 29

בית פיגא:
א געבאקענע
מעשה. 31

23 יאר שפעטער:

וואס ליגט אינטער די טווין טאוער אטאקעס?

12

כלל ישראל באווינט פריציייטיגע פטירה פון סקולענער רבי זי״ע

פרשת כי תצא תשפ"ד • 236

רעדאקטאר
אברהם הערש וועבערמאן

רעדאקציע
משה ארי' שניטצלער
גרשון קרעמער
אהרן קליטניק
ישראל דוד העסקעל
שמעון עוזר פערל
יואל שניצלער
ש. ל. פליישמאן
ל. וועבערמאן
מ. פאפנהיים
ח. פ. וועבערמאן
ח. ה. מינצבערג
ל. סאקס

מגיה
אברהם יצחק אייזנער

ניקוד
יודא לייב ווייס

גראפיקס
ישראל העסקעל
בערל שניטצלער

קינדער אפטיילונג
שמואל בער שניטצלער

מעלערס
יחיאל בלאיש
ר. קרול

צו אדווערטייזן אדער ארייַנשיקן
בריוו, קאמענטארן און ענטפערס:
845-379-1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com
דעדליין ארייַנצושיקן עדס איז זונטאג 1:00

צו באקומען די קרית ברסלב בלעטל:
אויף פאסט:
718.387.2691
Subscribe@kerenhadfusa.org
אויף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Breslevcenter.com
Gilyoines.com
ארץ ישראל:
077.930.9648

קול ברסלב:
212.444.9191
א"י: 0797040066

אידישע שטוב:
212.444.9169
א"י: 0797040069

ניַיע גליון "טערעפי"

4

א טריליאנער

20

אויפן העכסטן בארג

36

4	היכל הקודש נייעס
6	שטעטל נייעס
12	געדאנקען
26	פאר די ברסלב'ע שטוב
39	קינדער בלעטל
34	געשעעניש

זמנים
פרשת כי תצא י"א אלול

הדלקת הנרות.. 06:52
מוצאי שבת...... 08:22

מנחה מעריב כי תבא.... 07:55

המתחיל במצוה אומרים לו גמור

מיט פיל פרייד טוען מיר אויפנעמען
די פרייליכע בשורה אז אונזער
אלעמען באקאנטער געטרייער חבר
ראש וראשון לכל דבר שבקדושה

מו"ה **יחזקאל סאמעט** שליט"א

האט זיך אונטערגענומען צו ווערן דער
אפיציעלער פאנדרעיזער פונעם בית
התבשיל דקהילתינו.

מיר טוען אים אנווינטשן פון טיפן הארצן
אז ער זאל מצליח זיין און קענען שאפן
גרויסע סכומים פארן בית התבשיל פון
וואס אלע אנשי שלומינו זענען פון דעם
נהנה א גאנץ יאר אז די בית התבשיל
זאל קענען ווייטער אויסברייטערן אירע
אקטיוויטעטן און קענען נאך אסאך מער
העלפן אנשי שלומינו.

ווי עס וואונטשט:

יעקב משה אינדארסקי
אברהם משה שטראססער
בן גמלא
אהרן וועבערמאן
מוסדות ארה"ק

משה אריה שניצלער
כולל היכל הקודש
אשר בער אינדארסקי
שבתי מארקוס
רענט קאמפיין
אהרן ישראל פיש
אנשי חיל

לייבי ראטה
קרן הדפסה
ישעי' איידליס
שמואל אייכנשטיין
מכון עצתו אמונה

היכל הקודש נייעס

אמעריקע

נייע "טערעפּי" גליון

עס איז נישט קיין סוד דער מצב פון די גייסטישע געזונט היינטיגע צייטן, ווי מיר האבן שוין לעצטענס שטארק צולייגט ווי מען זעט אז אלע אויסגאבעס זענען פול מיט אדעווערטייזמענטס אויף דעם נושא, וואס ווייזט ווי דעספערט מענטשן זענען, מענטשן זענען גרייט אנצונעמען סיי וואס פון סיי ווען, אבי מען זאל שוין האבן האפענונג איינמאל ארויסצוגיין פונעם שווארצן טונעל, זאל עס הייסן ענקזייעטי, דאס מיינט אז א מענטש שפירט זיך אן א שטענדיגע אנגעצויגענקייט און דאגה, און קען נישט ארויסקריכן דערפון, אדער א מענטש פאלט אריין אין א דיפרעשאן, וואס גאר אסאך ווערן דיאגנאזירט דערמיט, דאס מיינט אז דער מענטש זעט אלעס שווארץ, און וויל שוין אויפגעבן, אדער זאל מען רעדן פון פאביעס, דאס איז פחדים, א מענטש גייט ארום דערשראקן, יעדע נייעס מאכט אויף אויפשפרינגען, ער שרעקט זיך פון יעדע בלעטל וואס פליעט, אדער זאל מען רעדן פון די יסורי הנפש וואס רופט זיך או.סי.די. - דאס זענען פייניגנדע מחשבות וואס לאזן נישט צורוה דעם מענטש, און דער מענטש שפירט זיך ממשך געבינדן צו זיין מוח וואס לאזט אים נישט לעבן. דערנאך זענען דא וואס ליידן אויף "פאניק אטאקעס" דאס איז א מצב וואס א מענטש פאלט אריין א געפערליכע פאניק, אז ער מיינט אז ער גייט אויס, און דערנאך הייבט ער שוין אן מורא צו האבן און ווערט אין פאניק "אפשר באקום איך א פרישע פאניק אטאקעס", און מען ווייסט נישט וויאזוי צוברעכט מען דעם צויבער קייט פון פחדים און פאניק. דערנאך זענען דא "טראומעס" וואס איז ליידער זייער באוויסט היינט, מענטש טראגן ארום מיט זיך דער גאנצע עבר וואס ער האט געליטן פון די יוגנט, און קען נישט אנגיין און הנאה האבן פון זיין יעצטיגן לעבן, און ווער רעדט נאך פון די מכת מדינה וואס הייסט "לאו סעלף קאנפידענץ" אז א מענטש גלייבט נישט אין זיינע כוחות, ער שפירט זיך אראפ געקלאפט.

און פון די אנדערע זייט איז אויך נישט קיין סוד אז אין די תורה קען מען טרעפן די ריכטיגע עצה אויף די אלע זאכן, מענטשן געבן אויס אסטראנאמישע סומעס פון געלט, צייט און כוחות, אבער אן ערפאלג, ווען מען קען אלעס טרעפן בחנם אין די הייליגע תורה, בפרט ווער עס לערנט דעם הייליגן רבינ'ס ספרים זעט ווי ער האט גערעדט צו אונז מיט אונזערע שוואכע מוחות און האקעלע נערוון, דער רבי רעדט פון די אלע פראבלעמען און אפפערט עצות און הדרכה צו קענען ארויסקריכן פון די אלע זאכן.

מענטשן פרעגן צומאל דעם ראש ישיבה "איר זענט אפשר א כישוף מאכער? וויאזוי האט איר געקענט נעמען דעם בחור מיט די אלע עי בי סי'ס און אלע דיסארדערס און אים שטעלן אויף די פוס ווען אלע מומחים האבן שוין אויפגעגעבן"? דער ראש ישיבה ענטפערט דערויף אז בסך הכל געבט ער איבער דאס וואס מוהרא"ש האט אונז אויסגעלערנט, וואס דארט ליגט די ענטפער, עס איז נישט קיין כישוף, עס איז דער הייליגער באשעפער וואס האט געגעבן אלע רפואות בפרט ווען מען רעדט פון רפואות הנפש, און עס אריינגעלייגט אין די תורה, און ווען מען פאלגט די צדיקים וואס האבן אריינגעלייגט די אלע עצות און הדרכה, זעט מען ממש וואונדער.

מיט'ן אייבערשטענ'ס הילף וועלן די אלע זיסע ווירקזאמע עצות פארעפענטליכט ווערן אין די אלע גליונות, יעדע וואך אביסל, און מיט'ן אייבערשטענ'ס הילף וועט דאס זיין א געוואלדיגע תועלות פאר אלע וואס נעמען דאס אין די הענט אריין.

המלך

קומט אן צו די הייליגע טעג אויסשטאפירט ווי א קעניג מיר וועלן
אייך סערווירן מיט אלע קאסטום שאורום פראדוקטן פון טליתים צו
קיטלעך, שיינע ווייסע גארטלעך און נאך.

CUSTOM
SHOWROOM

יענקי מיט יענקי

917-474-6118 Ext 3

*sruliHeskel

חודש תשרי הבעל"ט אין קרית ברסלב מיט'ן ראש ישיבה

פריידיגע נייעס קומט אריין אז די שטעטל וועט האבן די זכי' צו האבן דעם ראש ישיבה שליט"א פאר גאנץ חודש תשרי, ווי ער וועט ווייל צוזאמען מיט אנשי שלומינו וואס קוקן ארויס דערויף גאר שטארק.

די פלאן איז מיטן אייבערשטנ'ס הילף אז נאכן ווייל אויף ראש השנה ביים הייליגן רבי'ן אין אומאן, וועט דער ראש ישיבה מאכן זיין וועג צום שטעטל, ווי ער וועט זיך אויפהאלטן אויף ביז נאך שמחת תורה.

דעם הייליגן טאג יום כיפור וועט דער ראש ישיבה דאווענען אין בית המדרש אויף האשקי, און אלע וואס ווילן דינגען א זיץ זאלן זיך מעלדן צום גבאי מו"ה אברהם הערש וועבערמאן הי"ו ווי פריער, כדי יעדן צו קענען צופרידנשטעלן.

די ערשטע טעג סוכות וועט אויך דער ראש ישיבה דאווענען אין האשקי שול.

שמחת תורה וועט מען מיטן אייבערשטנ'ס הילף פראווען אין ירושלים שול, כדי צו קענען מאכן גרינגער פארן עולם צו קומען מיטהאלטן די הקפות. דאס איז אנדערש פון אלע יארן וואס שמחת תורה פלעגט געפראוועט ווערן אין וויליאמסבורג, אבער דאס יאר וועט זיך עס טוישן, צוליב דעם וואס דער ראש ישיבה וויל נישט מטריח זיין אלע שטעטל תושבים וואס ווילן מיטהאלטן די הקפות, אריינצופארן אין שטאט, זוכן הייזער און צאלן טייער געלט וכדומה, דערפאר האט דער ראש ישיבה מחליט געווען צו טוישן היי יאר די פלענער און זיין אין שטעטל אויף סוכות.

די גבאים פון ירושלים שול זענען שוין געזיצן מיט די גבאים פון האשקי שול, אויסצוארבעטן אלע דעטאלן פון שמחת תורה, אז ס'זאל זיין צוגעשטעלט אויפן בעסטן אופן פאר מענער, פרויען און קינדער.

אויך הערט מען אז די הנהלה האט אנגעהויבן בויען א שארטקאט צווישן די מארקס גאס און ירושלים גאס, כדי צו פארגרינגערן די תושבים פון דארפן קריכן אויף לאנגע וועגן ארום און ארום.

ביי דעם געלעגענהייט ווילן מיר זיך באדאנקען פארן נדבן מו"ה אברהם דוד לאקס הי"ו פארן באצאלן די קאסטן פונעם שארטקאט, אזוי אויך ווילן מיר זיך באדאנקען פאר די וואס געבן רשות צו גיין אויף זייער פראפערטי, די זכות זאל זיי ביישטיין בזה ובבא.

אין א שפעטערע מודעה וועט ווערן געמאלדן די דעטאלן וואו עס וועט ווערן געפראוועט דעם יארצייט סעודה פון הייליגן רבי'ן וואס געפאלט אין חול המועד סוכות.

מיט א תפילה צום הייליגן באשעפער בעטן מיר אז אלעס זאל אדורכגיין כשורה, און מען זאל קענען אויספועלן אלעס גוטס במשך די הייליגע טעג.

גרשון קרעמער

האסט א שאלה? שיק צו askgershon@gmail.com

די היסטאריע פון אידיש

שאלה

א גוטן, קודם כל א גרויסן יישר כוח פאר אלע ארטיקלען. מיין שאלה איז וואו און ווען האט זיך אנגעפאנגען די הייליגע שפראך אידיש?

ל. לעפקאוויטש

ענטפער

אידיש האט זיך אנגעהויבן פאר איבער טויזנט יאר צוריק אין מערב אייראפע בעיקר אין דייטשלאנד און אין פראנקרייך, ווען אידן האבן געוואלט זיין אפגעטיילט פון די גויים און האבן נישט געוואלט רעדן דעם דייטשן שפראך אזוי ווי דער גוי, און כדי צו מאכן א צווישנשייד האט מען געשריבן די שפראך מיט די הייליגע כ"ב אותיות די אל"ף בי"ת, אזוי אויך האט מען עס אויסגעמישט מיט לשון הקודש און אראמיש, און מען האט אנטוויקעלט אן אנדערע דיאלעקט.

אונזער הייטיגער אידיש איז שוין דורך זייער אסאך גלגולים, צוערשט האט עס מיטגעוואנדערט מיט די אידן ארויס פון דייטשלאנד נאך די פילע גזירות ווי ת"ח ת"ט די קרייצצוגן ווען פילע אידן האבן זיך ארויסגעצויגן צו מזרח אייראפע, וואס דערפון איז אנטוויקלט געווארן די מזרח אידיש דיאלעקט וואס איז גערעדט געווארן אין פוילן רוסלאנד געגנט וואס האט אנגעהויבן אריינעמען פילע סלאווישע ווערטער, אנדערש ווי אין די אנדערע לענדער ווי דער שפראך איז געבליבן מער ענליך צו אלט דייטש.

פילע צדיקים במשך די דורות האבן שטארק געפאדערט און מעודד געווען אז מען זאל רעדן אידיש, צוליב דעם וואס דאס איז א שטארקע מיטל זיך צו האלטן אפגעזונדערט פון די גויים און זיין אפגעשיידט פון די וועלט וואס ווייסט נישט פון באשעפער.

דאס איז א געוואלדיגע לימוד וואס מיר דארפן נעמען מיט זיך יעדן טאג נישט צו ווערן נתפעל פונעם גוי, און טראכטן אז מען קען אדער מען דארף געפעלן פאר זיי. עס איז היינט נאך נישט קיין אכציג יאר זינט דער "נאבעלער", "איידעלער", "בעסערער" גוי, די נאציס אין דייטשלאנד האבן מיט די גרעסטע מאס אכזריות און "פונקטליכקייט" פארגאזט און גע'רצח'ט דאס אידישע פאלק. נעמט אין אכט אז דייטשלאנד איז געווען דער סימבאל פון די שיינע פראזן ווי "דעמאקראטיע" און "גלייכבארעכטיגקייט" אין די וועלט, און מיט דעם אלעם שטעלט זיך ארויס אז דער "אפ טו דעיט" גוי האט אונז פיינט, און עס וועט גארנישט העלפן, די שנאה פון די גויים צום איד איז נישט לאגיש, און עס וועט גארנישט העלפן אויב מיר וועלן זיך צוגלייכן צו אים (אפשר גאר פארקערט).

פארשטייט זיך אז מיר טארן נישט אביוזן דעם תירוץ און זאגן שלום עלי נפשי, מיר דארפן געדענקען אז מיר זענען אין גלות, און מיר דארפן זיך אונטערווארפן אונטערן רצון פון באשעפער וואס האט אויף אונז גוזר געווען די גזרת הגלות, און נישט זיך רייצן מיט א גוי. בפרט - פלעגט מוהרא"ש אלץ זאגן - אויפן הייוועי, זאל מען זיך קיינמאל רייצן ח"ו מיט א גוי, לאז אים פעסן, רוק דיך אין די זייט אפילו די ביסט הונדערט פראצענט גערעכט, ווייל דער גוי קען נאך חלילה אריינגיין אין אזא רציחה אז ער וועט זיין גרייט רח"ל צו באגיין זעלבסטמארד אבי צו שעדיגן דעם איד.

דער עיקר זאל מען מתפלל זיין מיר זאלן שוין אויסגעלייזט ווערן פון דעם גלות הכלל וגלות הפרט בבית משיח צדקינו.

גלות גלות ווי גרויס ביסטו!

גרשון קרעמער

כלל ישראל באוויינט די פטירה פון סקולענער רבי זכותו יגן עלינו

מיט גרויס צער און טרויער נעמט כלל ישראל אויף די נייעס איבער די פטירה פון איינע פון די גרויסע צדיקים פון אונזער דור, א איד וואס האט געדינט דעם אייבערשטן מיט מסירת נפש, און האט דערווארעמט אידישע הערצער צום בורא כל עולמים.

דער סקולענער רבי זי"ע וואס האט צוריק געגעבן זיין נשמה צום בורא כל עולמים נאך א לענגערע תקופה וואס כלל ישראל האט איינגעריסן וועלטן פאר זיין רפואה, אבער פארגאנגענעם מוצאי שבת, האט לײדער פאסירט (תענית כז עב) כוין ששבת, וי אבדה נפש, דער צדיק האט אויסגעהויכט זיין לויטערער נשמה.

דער רבי האט איבערגענומען דער כסא ההנהגה פון די קהלה הקדושה סקולען ווערנדיג דער ממלא מקום פון זיין גרויסן טאטן דער פריערדיגער רבי זי"ע וואס איז נפטר געווארן לחיי העולם הבא מיט בלויז בערך פינף יאר צוריק, און מען האט געהאפט אז דער גרויסער נפטר דער עובד השם בתמימות וועט פירן די עדה הקדושה אויף לאנגע געזונטע יארן, האט

אבער אין די קורצע צייט אויפגעטון גדולות ונצורות, טויזנטער אידן האבן זיך מתחמם געווען לאורו, געשעפט יראת שמים און חיזוק פונעם רבי'ן.

מען האט צוגעזען א ווארעמע דאווענען, בפרט די הייליגע ווארימע דיבורים און די הייליגע סקולענע ניגונים וועלכע האבן אויסגעוואשן אידישע הערצער צום אייבערשטן.

אין די זעלבע צייט איז דער רבי געווען א דמות פון חסד, ווען ער האט אויסגעטיילט שווערע געלטער פאר צדקה פאר פילע צובראכענע הערצער.

בפרט האט ער געטראגן נאנט צו זיין הארץ די הייליגע מוסדות "חסד לאברהם" וואס האט גענומען פאר א ציל צו מקרב זיין אידן צום אויבערשטן, א מוסד וואס האט בכלל נישט געברענגט קיין כבוד פאר'ן רבי'ן אויף דער עולם השקר, עס האט נישט געטראגן דעם "אימעדזש" וואס סקולען שטעלט פאר, עס האט נישט אויפגעשטעלט תלמידים וואס האבן זיך געשאקעלט ביים רבי'נס טיש, אבער דער רבי האט נאר געקוקט אויף יענע וועלט, אויף די גרויסע זכות פון ממשיך זיין אין די וועגן פון זיינע הייליגע עלטערן און האט מחזק געווען און געשטארקט אידישע קינדער וואס ווילן נאנט ווערן צום אייבערשטן, און האט געטון אלעס וואס ער האט געקענט אז נאך א איד זאל וויסן פון שמע ישראל, און פון די הייליגע אמונה

יעצט אז דער הייליגער רבי איז נסתלק געווארן, ליגט אויף אונז דער פליכט צו ערפילן דעם גרויסן חלל וואס דער צדיק האט איבערגעלאזט, מיר דארפן זיך שטארקן מיט הפצה, און נישט קוקן אויף אונזער כבוד, און טון וואס אימער מעגליך צו מפיץ זיין די הייליגע ספרים וואס האבן שוין א גוטן טרעק רעקארד אז זיי טוען אויף און ראטעווען אידישע קינדער, און ברענגען זיי צוריק צום אייבערשטן, און דאס וועט זיין די גרעסטע זאך וואס מיר קענען טון לעילוי נשמת דעם הייליגן רבי'ן רבי ישעי' יעקב בן ישראל אברהם זי"ע צו גיין אין זיינע הייליגע וועגן וואס ער האט אונז אויסגעלערענט.

די גרויסע לוי' האט זיך אנגעהויבן זונטאג נאכמיטאג אין בארא פארק ביים סקולענער בית המדרש, און דערנאך איז עס אריבער קיין מאנסי, ווי דער רבי איז געקומען לקבורה סמוך ונראה צו זיין גרויסן טאטן און זיידן אינעם וויזניצן בית החיים.

וכל בית ישראל יבכו את השריפה אשר שרף ד'.

חברים פון ראקלענד ראטעוועט אידישע פרוי פון אריינפאלן צו שווינדלער

א היימישע פרוי אין מאנסי האט פאריגע וואך באקומען א רוף אויפן טעלעפאן, דער רופער האט זיך אנגעגעבן מיט אן אפיציעלע שטימע אלס א "דעטעקטיוו" וואס רופט איר אויפצומערקן אז עס גייט פאר שווינדלערייען אין איר באנק קאנטע, און געווארנט אז אויב זי נעמט נישט זאפארט שריט, וועט איר די פאליציי ארעסטירן.

די פרוי - אריינפאלנדיג אין פאניק - האט געפאלגט אלעס וואס דער "דעטעקטיוו" האט איר געהייסן און צוגעפארן צום נאנטן באנק און ארויסגענומען פינף טויזנט דאלער קעש פון איר באנק קאנטע, דערנאך האט דער שווינדלער איר געהייסן צופארן צו א דערנעבנדיגן פארמאסי איינצוקויפן "גיפט קארטלעך", דער פארמאסיסט האט גלייך פארדעכטיגט אז עפעס איז נישט גלאטיג, און האט פארלאנגט אידענטיפיקאציע צו קענען קויפן אזא ריזן סכום גיפט קארטלעך. די פרוי האט גערופן איר מאן ער זאל איר ברענגען איר איידי פון הויז.

ס'איז געגאנגען אזוי ווייט אז כדי די פרוי זאל גלייבן וואס ער זאגט האט ער געזאגט אז די ארטיגע פאליציי גייט יעצט אריינרופן, זי זאל גלייך אויפהייבן, אזוי איז טאקע געווען, זי האט געזען אויפן איידי אז די ראקלענד פאליציי רופט אריין, זי האט אויפגעהויבן, זיי האבן געזאגט אז זי זאל מיטארבעט, אויב נישט וועט זי גלייך ווערן ארעסטירט.

בשעת מעשה האט דער מאן פארלוירן קאנטאקט מיט זיין פרוי, און נאכדעם וואס זי האט נישט אויפגעהויבן דעם טעלעפאן האט זי זיך געוואנדן צו די געטרייע "חברים" ארגאניזאציע, וועלכע האבן זיך זאפארט ארויסגעלאזט צו אלע געשעפטן אינעם געגנט וואס פארקויפן אזעלעכע קארטלעך, פרובירנדיג צו ראטעווען אידיש געלט זאל נישט אריינפאלן צו די ראפינירטע שווינדלער.

עס האט גענומען א שטיק צייט פון זוכן אויף אלע סארטן וועגן וואו זי קען זיך יעצט געפונען, ביים סוף האט איינע פון די מעמבערס געטראפן די באטראפענע פרוי אין איינע פון די שאפינג מאלס אינעם געגנט, די פרוי האט שוין דאן געהאלטן נאכן איבערגעבן די נומערן פון עטליכע קארטלעך אין די ווערד פון צוויי טויזנט דאלער, דער וואלונטיר האט תיכף אינטעררוועניר און איר געבעטן צו אראפהאקן דעם טעלעפאן מיט דעם שווינדלער, אבער די פרוי האט נישט געוואלט הערן פון גארנישט, זי האט געשפירט אז מען גייט איר אט אט ארעסטירן אויב זי לייגט יעצט אראפ די טעלעפאן, אבער ברוך השם אז צום סוף איז געלונגען איר צו אפהאלטן פון ווייטער געבן דאס געלט, און דערמיט געראטעוועט די איבעריגע שווער אפגעשפארטע אידיש געלט פון פארפאלן ווערן.

אויב איינער באגעגענט זיך מיט א שווינדלער א סקעמער וואס לייקענט די אמונה, ער האט "קשיות", ער וויל פארשטיין פארוואס, און פאר ווען, דארף מען זיך תיכף אפשטעלן, און נישט ציען ווייטער דער שמועס. מען זאל נאר זען צו שמועסן מיט מענטשן וואס גלייבן אינעם אייבערשטן בתמימות ובפשיטות, ווייל אפילו נאר צו הערן כפירה שאדט פארן מענטש.

די זעלבע זאך איז בגשמיות, ווען מען געבט איבער די נומערן פון א גיפט קארטל פאר א צווייטן איז עס כמעט אוממעגליך נאכצוגיין ווער עס האט אפגענומען דאס געלט, און ווען סיי ווער פארלאנגט געלט "זאפארט אז נישט וועט מען ארעסטירן", אדער בעט "גיפט קארטלעך" איז עס א קלארע סימן פון שווינדלער און גנבים, און מען דארף זיין געווארנט תיכף אראפ צו האקן דעם טעלעפאן מיט אזעלעכע פארשוינען, און אפילו נישט אריינגיין אין א דין ודברים מיט זיי, ווייל זיי קענען נאך איבערקלוגן. אפילו גאר געלונגענע און פארזיכטיגע מענטשן זענען שוין אריינגעפאלן מיט זיי.

לאז זיך נישט פונעם כיטערן יצר הרע וואס לויפט ארום מיט א פארמאכטע האנט און פרובירט דיר אריינצוכאפן מיט זיינע מעשה'לעך, יעדן טאג אויף א צווייטע וועג.

מעשיות פון תפילה

ראש ישיבה

וויליאמסבורג

פארגאנגענעם שבת פרשת שופטים האב איך מיך דערזען אן קיין וועכנטליכע עצתו אמונה אין שטוב, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן ס'זאל אויף עפעס א וועג אנקומען צו מיר אין שטוב.

אין שול האט יצחק אייזיק ראזענבוים נרו יאיר פון קרית יואל - וואס איז געווען שבת אין וויליאמסבורג - געזאגט אז ער האט א איבעריגע אין זיין אכסניא אויף בעדפארד גארדנס, נחמן נתן נרו יאיר איז אהינגעגאנגען צו עס אויפפיקן, און עס אהיימגעברענגט אין שטוב.

יצחק אייזיק ראזענבוים

קרית יואל

פארגאנגענעם ערב שבת פרשת שופטים האב איך מיך געגרייט צו פארן אויף שבת קיין וויליאמסבורג, מיין חבר ר' יואל טייטלבוים נרו יאיר האט געהערט אז איך פלאן צו פארן קיין וויליאמסוברג, האט ער מיר גערופן פרעגן אויב ער קען מיטשיקן א באקס פון גליונות וואס דארף אנקומען צו א מפיץ אין שטאט, האב איך אים געזאגט אוודאי, הארץ און גערן, דאס איז דאך א געוואלדיגע הפצה.

אבער וואו קומט די קאץ איבערן וואסער, איך וואוין איין עק און ער א צווייטע עק,ביידע האבן נישט קיין קאר, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז די באקס פון גליונות זאל אויף עפעס א וועג אנקומען צו מיר, שכח אייבערשטער אז ס'האט זיך געמאכט א וועג.

ווען איך בין אנגעקומען אין וויליאמסבורג האט עס געדארפט אנגעקומען צו די ישיבה, האב איך נאכאמאל געבעטן דעם אייבערשטן אז ס'זאל זיין א וועג, און שכח אייבערשטער דא האט זיך אויך געמאכט א פיינעם וועג גלייך צום ישיבה.



וואו זאל איך אײַנְשְׁטֵיין אִין אוּמַאן?

שאלה

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק גֵיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. אִיךְ הָאבּ שְׁטַארְק חֵשֶׁק צוּ זַיין דָארְט מִיטְ'ן קִיבּוּץ פוּן תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אִינְאֵיינֶעם מִיטְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶער אַז אִיךְ קֶען קֵיינֶעם נִישְׁט דָארְט פֶּערְזֶענְלִיךְ, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט הָאבּ אִיךְ אַ קָרוֹב וָואס גֵייט אוֹיךְ קַיין אוּמַאן, אוּן אִיךְ קֶען אַיינְשְׁטֵיין וואוּ עֶר אִיז, אָבֶער נִישְׁט מִיט הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ.

מַיין טַאטֶע אִיז אוֹיךְ נִישְׁט אַזוֹי צוּפְרִידְן אַז אִיךְ פָּאר קַיין אוּמַאן, אוּן עֶס זֶעט מִיר אוֹיס אַז עֶר וֶועט שְׁפִּירְן מֶער רוּאִיגֶער אוֹיבּ וֶועל אִיךְ גֵיין צוּזַאמֶען מִיט דֶעם קָרוֹב.

וָואס הַאלְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַז אִיךְ זָאל טוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ יוֹם ד' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ו' תַּמוּז, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תה): **"הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי הוּא חִדּוּשׁ גָּדוֹל, וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹדֵעַ שֶׁאֵין הַדָּבָר הַזֶּה בִּירֻשָּׁה מֵאֲבוֹתַי, רַק הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ נָתַן לִי זֹאת בְּמַתָּנָה, שֶׁאֲנִי יוֹדֵעַ מַהוּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה. לֹא מִבָּעְיָא אַתֶּם כֻּלְּכֶם בְּוַדַּאי תְּלוּיִין בָּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי, אֶלָּא אֲפִילּוּ כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ תָּלוּי בָּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי"**, דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר דָאס גֶעגֶעבְּן פַאר אַ מַתָּנָה; נִישְׁט נָאר עֶטְס - מַיינֶע תַּלְמִידִים - זֶענְט אִיר תָּלוּי אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נָאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שָׁם, סִימָן תג): **"הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל, וְהָיָה פֶּלֶא אֶצְלִי, מֵאַחַר שֶׁהַמְּקֹרָבִים שֶׁלִּי מַאֲמִינִים לִי, וְלָמָּה לֹא יִזָּהֲרוּ כָּל הָאֲנָשִׁים הַמְקֹרָבִים אֵלַי, שֶׁיִּהְיוּ כֻּלָּם עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִישׁ לֹא יֵעָדֵר; כִּי כָּל עִנְיָן שֶׁלִּי הוּא רַק רֹאשׁ הַשָּׁנָה"**, מַיין גַאנְצֶע זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן עֶס אִיז מִיר אַ וואוּנְדֶער פַארְוָואס מַיינֶע מֶענְטְשְׁן וָואס גְלֵייבְּן אִין מִיר, זָאלְן נִישְׁט רֶעדְן צוּ אַלֶעמֶען מֶען זָאל קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, **"וְהִזְהִיר לַעֲשׂוֹת כְּרוּז, שֶׁכָּל מִי שֶׁסָּר אֶל מִשְׁמַעְתּוֹ וּמְקֹרָב אֵלָיו יִהְיֶה עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אֶצְלוֹ, לֹא יֶחְסַר אִישׁ, וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד"**, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן מַאכְן אַ כְּרוּז אַז אַלֶע זָאלְן קוּמֶען צוּ זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה. נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, אַז וֶוער עֶס קוּמְט צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף זַיין פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְץ יָאר.

עֶס אִיז דָא אַסַאךְ הִתְנַגְּדוּת אוֹיפְ'ן רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה, הַיינְט אִיז שׁוֹין דָא הִתְנַגְּדוּת אוֹיךְ פוּן אִינֶעוֵוייניג, עֶס זֶענֶען דָא וָואס זָאגְן אִין בְּרֶסְלֶב אַלֵיינְס אַז מֶען זָאל נִישְׁט קוּמֶען צוּם רֶבִּינְ'ס קִיבּוּץ; קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט קֶענֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע תִּיקוּנִים וָואס דֶער רֶבִּי אִיז מְתַקֵּן.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שָׁם, סִימָן תו): **"שֶׁיְּכוֹלִין אָז אֲנָשִׁים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה לֹא הָיָה בְּאֶפְשָׁר שֶׁיִּהְיֶה לָהֶם תִּקּוּן בְּשׁוּם אֹפֶן, אַף עַל פִּי כֵן בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה יְכוֹלִין אֲפִילּוּ הֵם לְקַבֵּל תִּקּוּן. אַף עַל פִּי שֶׁבְּכָל הַשָּׁנָה אֲפִילּוּ הוּא בְּעַצְמוֹ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה לֹא הָיָה יָכוֹל לְתַקְּנָם, אֲבָל בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה גַּם הֵם יְכוֹלִים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים, כִּי אָמַר שֶׁהוּא עוֹשֶׂה בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה עִנְיָנִים וְתִקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה גַּם הוּא אֵינוֹ יָכוֹל לַעֲשׂוֹת"**, רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען עֶר יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן, אֲפִילוּ מֶענְטְשְׁן וָואס עֶר קֶען זֵיי נִישְׁט מְתַקֵּן זַיין אַ גַאנְץ יָאר.

וואוּ צוּ זַיין אִין אוּמַאן - דָאס מַאכְט נִישְׁט אוֹיס; גֵיי וואוּ עֶס אִיז דִיר מֶער בַּאקְוֶועם, דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ קוּמֶען קַיין אוּמַאן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

געדאנקען

וויפל מאל פאלט אראפ
א וואלקן קראצער?

שבת קודש פרשת ראה איז געווען די אונטערשטע שבת פון די "זומער-שבתים" אין שטעטל (כ'האב געהערט ברסלב'ע חסידים זאגן "אונטערשטע" אנשטאט די "לעצטע"). דערפאר האב איך מיר אנגעשפיצט די אויערן צו קענען אוועקלייגן פון די שיינע עצות אויף די קומענדיגע וואכן, קומענדיגע מאל וואס איך וועל זיין א שבת מיטן ראש ישיבה, לויט ווי ס'קוקט אויס פארלייפיג, איז אין א אנדערע יאר און אין א אנדערע שטאט (שבת פרשת האזינו, שבת שובה, אין עיר הקודש אומאן יע"א). און שבת דערויף (יום הקדוש) צוריק אין שטעטל בעזר השם.

יא, ברוך השם ביי אונז אינדערהיים רעדט מען מיט די קינדער ווען וועט מען שוין זיין נאך א שבת מיטן ראש ישיבה, קינדער מוזן אויפוואקסן אונטער דעם באוואוסטזיניגקייט אז מיר האבן א מורה דרך און אלעס דרייט זיך ארום דעם, און אז דער טאטע עסט הכשרים אן פרעגן א מורה דרך, און פסק'נט זיך אליין הארבע חינוך'דיגע שאלות, ווייל "די סיסטעם טויג נישט", וועט דער קינד גיין אין די פיסטריט פון די עלטערן און אויך זאגן אני ואפסי עוד, איך פארשטיי אלעס און איך דארף נישט קיין רבנים "ווייל איך גיי גראד צום אייבערשטן".

מיר האבן אפילו דעם ווינטער אויסגערעכנט מיט די קינדער אז מיר זענען געווען מיט די ראש ישיבה אין פינעף שטעט במשך פינעף וואכן. פרשת וארא זעמיר געווען מיט די ראש ישיבה אין בארא פארק, ס'איז געווען די באווארפן פון ר' שמעון נרו יאיר, פרשת בא זעמיר געווען אין שטעטל, דער ראש ישיבה איז געקומען צו שבת שבע ברכות. פרשת בשלח זעמיר געווען מיטן ראש ישיבה אין ראלי האטעל. פרשת יתרו זעמיר געווען אין וויליאמסבורג, די קינדער האבן נישט אויפגעהערט צו בעטן אז זיי ווילן זיין ביים ראש ישיבה אויף שבת קבלת התורה. מיינע צוויי זון ר' יוסף און ר' הערשל זענען אויך געקומען צו פארן. מיר האבן געגעסן פרייטאג צו נאכטס ביי ר' יוסף (אין זיין אכסניא ביי די דושינסקי הייזער ביי קליימער און קענט) און שבת צופרי ביי ר' הערשל (אין זיין אכסניא, אויף פרענקלין עווניו, אין שטוב פון ר' יואל משה נ"י, וואס איז געווען ביי זיינע עלטערן), דאנערשטאג פרשת משפטים איז דער ראש ישיבה געווען אין לעיקוואד, ברוך השם איך בין דארט געווען.

איך פלעג אלעמאל גליסטן אלס קינד ווען איך האב געהערט מענטשן רעדן ווי זיס ס'איז געווען זיך צי האדעווען אונטער די פליגל פון א צדיק. און וואס איז מיט מיר? און וואס איז מיט מיינע קינדער? צו וועם דארף איך גיין? און וואס זאל איך טון אז איך האב נישט געלעבט ניינציג יאר צוריק?! בין איך דערנאך?! ברוך השם עס איז א גרויסער נס אז איך האב געטראפן איינער זאל מיך דערמאנען יעדן טאג צו עפענען א גמרא און רעדן שיין צו די ווייב און קינדער, ברוך השם אז דער ראש ישיבה טוט די הייליגע ארבעט פון אונז דערמאנען יעדן טאג אז מ'דארף עפעס מיטנעמען אויף יענע וועלט, אז די שווערע זאכן אין לעבן גייען אדורך, און די גוטע זאכן וואס מ'טוט בלייבט אויף אייביג.

אנשטאט מיינע קינדער זאלן אנקומען צו א ברסלב'ע ספר ביי די צוויי און צוואנציג אזוי ווי איך, און טראכטן עטליכע יאר אז אפשר געפעלט נישט ברסלב פאר מיין צווייטע קאזנ'ס מומע'ס קעצעלע. לאמיך זיי געבן פון קינדווייז אן די לעבן פון רעדן צום אייבערשטן און "אויסדרייען" זייער קינדערישע תמימות'דיגע קעפעלע אז ערליכע אידן פירן א צוקערדיגע שלום בית'דיגע לעבן, מ'רעדט שיין איינער צום צווייטן. לאמיך זיי געבן פון קינדווייז אן די הערליכע מתנה וואס הייסט "לעבן מיט א מורה דרך", לאזן זיי מיינען אז די גאנצע וועלט רעדט צום אייבערשטן און זאגט משניות אזוי ווי איך האב געמיינט אלס קינד אז די גאנצע וועלט איז די זעלבע חסידות ווי איך. לאזן זיי זיין צוגעוואוינט פון אלס קינד צו רעדן צום אייבערשטן אזוי ווי א מענטש איז צוגעוואוינט צו טרינקען קאפי צופרי און עסן טשאלנט ליל ששי ביינאכט, דעלקעלעך ביי די יארצייט און דזשערקי ביי די קידוש.

ווען מיין עלטסטער זון ר' יוסף נרו יאיר איז געווען אין אומאן פאר די זיבן יאר, בין איך געגאנגען די קומענדיגע יאר פרעגן מוהרא"ש אויב איך זאל אים מיטנעמען קיין אומאן אויף ראש השנה, כ'האב עס געפרעגט בעיקר ווי א געלט שאלה, האט מוהרא"ש געענטפערט קלאר און שארף, ס'קלינגט מיר אין די אויערן ביז יעצט, "דיינע קינדער זאלן וויסן אז ס'איז נישט דא אזא זאך ראש השנה אן דעם רבי'ן". אט דער דיבור פון מוהרא"ש האט מיר געקאסט שווערע צענדליגער טויזנטער דאלארן, אבער ברוך השם ס'האט זיך געלוינט צו פאלגן א צדיק, מוהרא"ש'ס ווערטער האבן אויפגעset'עט מיין מח צו פארשטיין

איבערלעבענישן, אנאליזן און געדאנקען

משה אריה שניצלער

אין וועלכע דיירעקשן א מענטש דארף טראכטן, במילא ווען ס'איז געווען די ערשטע מאל א ברסלב'ע קאנטרי (שנת תשס"ט) האב איך גלייך געצאלט פאר א באנגעלוי, כ'האב בכלל נישט געוואוסט וועלכע באנגעלוי איך באקום ביז נאך המפיל ווען דאס קישעלע האט אונטערגעלאנט מיין קעפעלע און איך האב זיך איבערגעדעקט מיט די דאכענע די ערשטע נאכט אין די ערשטע ברסלב'ע קאנטרי.און ווען מ'האט געעפנט די ערשטע מאל אין היסטאריע א ברסלב'ע חדר אין אמעריקע זענען מיינע קינדער געווען איינגעשריבן נאך פאר מ'האט געוואוסט אוואו אויף די מאפע די חדר געפינט זיך.

ביי די מיידלעך איז שוין געווען מניעות, מיר האבן שוין געוואוסט אז מ'גייט אונז פשוט זאגן פאר אונזער אייגענע טובה אז מיר זענען אינג און צוהיצט און "מיר מאכן די גרעסטע פעלער אין לעבן" און "מיר וועלן ביטער חרטה האבן". אבער נאך עטליכע וואכן האבן מיר אפגעמאכט אז מיר האפן צו האבן פאר די מיידלעך די זעלבע שיינע ברסלב'ע חינוך וואס די אינגלעך האבן באקומען. שכח אייבערשטער אז מיר האבן געקענט אריינלייגן די מיידלעך אין ברסלב.

ס'איז געווען הערליכע שמועסן דעם לעצטן שבת פרשת ראה אין שטעטל, ביי סיפורי מעשיות איז דער ראש ישיבה אריין אין א הערליכן שמועס פון שלום בית. מ'האט געהאלטן ביי די אכטע מעשה, מעשה מרב ובן יחיד. דער טאטע האט געזאגט פאר'ן זון, זעסט אז ס'איז א סימן פון הימל אז מ'דארף נישט גיין צו דעם צדיק, ווייל די פערד איז אראפגעפאלן, די וואגן האט זיך איבערגעדרייט, זיי זענען שיער נישט אראפגעפאלן פון די בריק אין וואסער אריין, דערנאך האבן זיךביידע "אקסן" צובראכן, זעסטו א בפירוש'ע סימן אויף נישט צו גיין צו דעם צדיק.

האט מוהרא"ש געענטפערט קלאר און שארף, ס'קלינגט מיר אין די אויערן ביז יעצט, "דיינע קינדער זאלן וויסן אז ס'איז נישט דא אזא זאך ראש השנה אן דעם רבי'ן." אט דער דיבור פון מוהרא"ש האט מיר געקאסט שווערע צענדליגער טויזנטער דאלארן.

האט דער ראש ישיבה געזאגט אז ס'איז פונקט פארקערט, אויב אלעס גייט מיט מניעות איז א סימן אז פון דעם האט דער ס"מ מורא, און דער מענטש דארף זיך מתגבר זיין.

דער ראש ישיבה האט עס אויפגעוויזן! וויפל מאל פאלט אראפ א בנין פון הונדערט שטאק? און וויפל מאל פארט אריין א טעראריסט מיט א פליגער אנגעפילט מיט הונדערטער מענטשן אין א וואלקן קראצער?! און וויפל מאל פאלט אראפ "צוויי" בנינים פון הונדערט שטאק?! און דוקא אין די טעג וואס די ברסלב'ע חסידים פאר'ן אויף אומאן!!! זעסטו אליין אז דער ס"מ ציטערט פון אומאן!!

קיין איין עראפלאן איז נישט געפלויגן אין גאנץ אמעריקע פון דינסטאג נצבים כ"ג אלול, ביז מוצאי שבת כ"ז אלול! און אפילו נאכדעם איז געווען אסאך וויניגער פליגערס ווי געווענליך, און די עירליינס זענען געווען אונטערשטעליג מיט מיליאנען מיליאנען עראפלאן זיצן. (איך מיט נאך חברים זענען געשטאנען אין די ליין ביי "פינעיר" אין JFK פון 12 בייטאג ביז זעקס אזייגער, אויף א ספק ספיקא), זעסטו אליין אז דער ס"מ ציטערט פון אומאן!! פון דעם אליין ווייסט א מענטש וואס ער האט צו טון.... (ליין מער א פולע באריכט אינעם שבועות תשפ"ב בלעטל).

און דער ראש ישיבה האט מורא'דיג שיין מסביר געווען די זעלבע זאך אויף שלום בית, ווי מער דו האסט מניעות אויף שלום בית, אלס מער דארפסטו וויסן אז דא ליגט דער סוד, אויב דו זעסט אז דו ווערסט מער און מער נערוועז פון דיין ווייב, דארפסטו וויסן אז דאס איז א סימן אז שלום בית איז די העכסטע און די וויכטיגסטע.

אזוי ווי א מענטש וואס איז צאמגעפאלן מיט א סטראוק רחמנא ליצלן, זיין מח איז נעבעך נישט דא, מעג ער האבן א שיינעם אנצוג מיט גלאנציגע שיך, אבער דער מח איז נישט דא, זאל ער גיין מיט גלעזער פון צען טויזנט דאלער און א rolex פון פופציג אלפים, אבער דער מח איז נישט דא.

די זעלבע זאך איז שלום בית, ווער עס האט שלום בית קען טראכטן פון דעם אייבערשטן, ווער ס'האט נישט קיין שלום בית, טראכט נישט פון דעם אייבערשטן, זיין מח איז נעבעך חרוב, זיינע מחשבות זענען נעבעך ביי די נישט גוטע, ער טראכט נישט גוטע זאכן. ער געבט זיך אן אלס א מדקדק בקלה כבחמורא, אבער קיין מח איז נישט דא, זיין מח איז נעבעך נישט מסודר, דערפאר, ווייל די מניעות אויף שלום בית איז אזוי גרויס דארף א מענטש אפמאכן אז ער וועט זיך פארלייגן מיט אלע כוחות צו נאך איין מאל פרובירן יא צו רעדן שיין. און אויב ס'גייט נישט וועט ער פרובירן נאך איינמאל און נאך איינמאל.

קוק אהער

א תפילה פון א גוי

די גבאים ווינקען זיך איינער דעם צווייטן פאר ידיד נפש? נאך ידיד נפש? ווען איז א פאסיגע צייט צו מכבד זיין דער חשובן גאסט רבי דניאל שליט"א זאל רעדן אפאר ווערטער.

איך געדענק שוין נישט וואס איז געבליבן אויב זאל ער רעדן פאר ידיד נפש אדער נאך ידיד נפש, אבער שכח אייבערשטער אז מיר האבן געהערט אזעלכע שיינע דיבורים וואס דאס געדענק איך יא...

און אט זענען די לעכטיגע דיבורים: די הייליגע תורה זאגט אונז "תמים תהיה עם השם אלוקיך!" דאס ווייסן דאך אלע די גרויסע חשיבות וואס תמימות טראגט ביי אונז, ביים הייליגן רבי'ן איז תמימות ופשיטות געווען אן עיקר!

אויפן מצבה פון רבי אברהם בן רבי נחמן ז"ע שטייט אויפגעקריצט "פה נטמן איש תם - דא ליגט א איד א תמים!" דאס טראגט ביי אונז א געוואלדיגע חשיבות!

א מורא'דיגע מעשה האט מוהרא"ש פארציילט: ס'איז געווען א געוויסע רבי וואס זיין תלמיד פלעגט אים זייער שטארק בעטן אז ער וויל דער רבי זאל אים אויסלערנען די שפראך פון די חיות.

דער רבי זיינער פלעגט אים אלץ אפשטופן און אים זאגן "וואס טויג דיר צו קענען די שפראך פון די חיות? וואס וועסטו פון דעם האבן?" אבער דער תלמיד האט נישט נאכגעלאזט און כסדר געבעטן און געבעטן דעם רבי'ן אז ער וויל ער זאל אים אויסלערנען די שפראך פון די חיות.

ביז איין טאג נאך אזוי פיל בעטן אן אויפהער האט אים דער רבי געזאגט "פיין, איך זע אז דו לאזט נישט נאך וועל איך דיר אויסלערנען די שפראך פון אלע חיות."

אזוי איז טאקע געווען, דער רבי האט אויסגעלערנט פארן תלמיד די שפראך פון אלע חיות, ביז ער האט שוין גוט געקענט די שפראך פון יעדע בעל חי.

איין טאג גייט ער אריין אין זיין שטאל און ער הערט ווי איין קוה קרעכצט, ער איז זייער טרויערדיג פרעגן אים די אנדערע קיען "פארוואס ביסטו אזוי טרויעריג היינט?"

ענטפערט דער קוה: "איך האב געהערט אויסרופן אין הימל א געפערליכע גזירה, אז אלע קיען פון דעם בעל הבית גייען אויסשטארבן!"

אזוי ווי דער בעל הבית הערט דאס, טראכט ער שנעל, 'נאך איין מזל אז איך קען די שפראך פון די קיען'. ער לויפט און מארק ער פארקויפט אלע זיינע קיען און ער קומט אהיים גאר פרייליך - איך האב געראטעוועט מיין פארמעגן!!!

גייט נישט דורך אפאר טעג דער אידל גייט פארביי זיין הינער שטייג און עס שפיט זיך איבער די זעלבע מעשה א האן זיצט און קרעכצט... אלע הינער פרעגן דעם האן "וואס האט פאסירט? וואס ביסטו אזוי צובראכן?"

ענטפערט דער האן: "וואס זאל איך אייך זאגן איך האב געהערט אויסרופן אין הימל אז אויף אלע פעלדער פון דעם בעל הבית גייט קומען שדפון ער גייט אלעס פארלירן!"

דער איד טראכט נישט קיין צוויי, נאך א נס איך קען די שפראכן - טראכט ער צו זיך - ער לויפט אין פעלד ער שניידט אפ אלע ווייץ, ער פארקויפט אלע זיינע תבואה, דערנאך פארקויפט ער זיינע פעלדער.

ער לויפט אהיים טאנצנדיג פאר שמחה איך האב געראטעוועט מיין געלט שכח אייבערשטער איך קען די שפראך פון חיות איך האב געראטעוועט מיין געלט!

גייט נישט אריבער אפאר טעג, גייט ער אין גאס און עודך דעם זעלבן שפיל, נאכאמאל א ציגעלע איז גאר שטארק בעצבות, פרעגן אים די אנדערע ציגעלעך "ערעב ציג וואס האט פאסירט היינט אז איר דרייט זיך אזוי מיט אן אראפגעלאזטע נאז?"

אוי געבט דער ציג א קרעכץ, וואס זאל איך אייך זאגן איך האב געהערט א גזירה פון הימל אז דער איד דער בעל הבית גייט אוועקגיין פון די וועלט!

דערשראקענערהייט לויפט ער שנעל צו זיין רבי "רבי ס'איז צרות, איך האב געהערט ס'איז דא א גזירה אויף מיר אז איך גיי אוועקגיין פון די וועלט וואס טוט מען דא???"

אוי זאגט דער רבי: "איך האב דיר דאך געבעטן און געווארנט אז ס'איז נישט גוט פאר דיר צו קענען די שפראכן פון די חיות, וואס זאל איך דיר זאגן יעצט האסטו זיך אליינס פארפאטשקעט!"

דער אייבערשטער פירט די וועלט מיט חסד ורחמים, אויף דיר איז געווען א גזירה אז דו מוזט פארלאזן די וועלט, האט בית דין של מעלה גע'פסק'נט אז אויב וועט מען דיר צונעמען די בהמות מיט דיינע פעלדער וועסטו מיט דעם אפקומען די גזירה, ביסטו געלאפן ווי א נאר און געראטעוועט דיין געלט, יעצט ווערסטו מוזן אוועקגיין פון די וועלט!

דאס און יענץ מיט א טיפערע ארייַנבליק

ישראל דוד העסקעל



א מענטש טאר נישט לעבן מיט חקירות און חכמות, נאר דינען דעם אייבערשטן מיט תמימות.

נאך א שיינע מעשה האט רבי דניאל פארציילט: מיט יארן צוריק אין איינע פון די ישיבות אין ירושלים האט געלערנט אן אמעריקאנער בחור, איין טאג איז ער געגאנגען דאווענען שחרית ביים שער השמים.

דארט שטייענדיג דערזעט ער זיך שטיין נעבן אן אמעריקאנער גוי, דער גוי גייט אנגעטאן מיט א פאפירענע קאפל און בעט זיך דארט זיינע זאכן.

נאך אפאר מינוט שטיין דארטן, נעמט דער גוי ארויס א צעטל פון טאש, ער קנייטשט עס איין און שטופט עס אריין אין די וואנט. דער בחור האט זיך מורא'דיג פארוואונדערט, וואס האט שוין א גוי צו שרייבן א קוויטל פארן אייבערשטן?

ער ווארט דער גוי זאל אוועקגיין און נעמט ארויס דאס צעטעלע פון וואנט, ער האט געקענט ליינען ענגליש זעט ער ווי דער גוי שרייבט אזוי: "צו גאט, דו ביסט דאך א כל יכול, איך בין דא יעצט אויף א נסיעה אין ארץ ישראל, איך וויל אבער זייער שטארק אז מיין טיעם פון די בעיסבאל געים וואס איז געמאלט פארגעקומען אין אמעריקע זאל געווינען, איך וויל דו זאלסט מיר מודיע זיין ווען זיי האבן געווינען, איך שטיי איין אין דעם האטעל אויף דעם שטאק אין דעם צימער איך וועל ווארטן."

דער בחור ענדיגט ליינען, ער קראכט אויס אין א געלעכטער, א מין השגה פון א נארישער גוי... ער קלינגט אן זיין טאטע קיין אמעריקע, בימים ההם איז עס גארנישט געווען אזא קלייניקייט... ער בעט זיין טאטע "איך מוז וויסן וועלכע בעיסבאל טיעם האט געווינען!"

"פארדעם שיק איך דיר לערנען אין ישיבה אין ארץ הקודש? די קאפ זאל דיר ליגן אין בעיסבאל?"

"ניין ניין טאטי לאמיך דיר מסביר זיין - א גאנצע מעשה איין צופרי בין איך געגאנגען דאווענען שחרית, דארט איז געווען א גוי... בקיצור איך מוז וויסן וועלכע טיעם..."

אקעי דער טאטע זאגט אים "איך וועל גיין מברר זיין קאל מיך שפעטער." נאך אפאר שעה קלינגט ער צוריק דעם טאטן "יא דער טיעם האט געווינען!"

דער בחור לויפט גראד אהין צו יענעם האטעל, ער לויפט ארויף צום פערטן שטאק, ער זוכט אויף די צימער וואו דער גוי שטייט איין, ער קלאפט אריין. דער גוי עפענט אויף די טיר "יא וואס קען איך אייך העלפן?"

"איך בין א שליח פון גאט! דיין טיעם האט געווינען די געים!"

דער גוי איז בלאס געווארן, ער נעמט ארויס פון טאש אלע געלט וואס ער האט נאר פארמאגט, דערלאנגט עס אהין פאר דעם בחור, און דאנקט אים אן אויפהערן טענק יו טענק יו!!! וואס טוט א ישיבה בחור מיט א הויפן געלט? ער קומט אן אין ישיבה מיט פעק און זעק עסן "רבותי! חברה! וואשט'ס ענק ס'איז דא אכילה!!!"

די בחורים זיצן דארט און עסן מכל טוב וטוב, און די משגיח וואקט אריין אינגאנצן פארוואונדערט לא שבת היום ולא חודש היום וואס איז די יו"ט? וואס איז די סעודה יעצט אין א גרינעם דינסטאג? דער בחור שטעלט זיך אויף מיט א האלבע שמייכל און פארציילט די גאנצע מעשה פארן משגיח.

דער משגיח איז זייער צוקאכט געווארן ער זאגט "קוקטס אין דעם קאפיטל פון אשרי וואס מיר זאגן יעדן טאג אין יעדע פסוק איז דא א וי"ו 'בכל יום אברכך "ו"אהללה' 'גדול השם ומהולל מאד "ו"לגדולתו' און אזוי ווייטער ביי יעדע פסוק חוץ ביי איין פסוק, ביי די פסוק פון 'קרוב השם לכל קוראיו' דארט איז נישט דא קיין וי"ו, דאס קומט צו ווייזן אז אפילו א גוי קען בעטן פונעם אייבערשטן. תפילה איז א זאך וואס איז געמאכט פאר יעדע מענטש אין די וועלט.

מיר אלע גרייטן זיך אויפן גרויסן נסיעה צו הייליגן רבי'ן קיין אומן לאמיר נישט פארגעסן אז אנצוקומען צום רבי'ן קען מען נאר דורך תפילה! נאר מיט תפילה קען מען זוכה זיין צו אדורכברעכן די מניעות און זיין ראש השנה ביים הייליגן רבי'ן.

א מעשה
פון א צדיק

דֶעם צַדִּיקְ'ס רַחְמָנוּת

דֶער הֵיילִיגֶער שַ"ךְ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה רֶבִּי' שַׁבְּתַי הַכֹּהֵן, וָואס הָאט מְחַבֵּר גֶעוֶוען דֶעם סֵפֶר שִׂפְתֵי כֹּהֵן [וָואס מִיר רוּפְן הַיינְט שַ"ךְ] הָאט אַרוֹיס גֶעגֶעבְּן זַיין פֵּירוּשׁ אוֹיף גַאנְץ יוֹרֶה דֵעָה וֶוען עֶר אִיז נָאךְ גֶעוֶוען גָאר יוּנְג. עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער אָרִימַאן, עַד כְּדֵי כַּךְ אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין פַּאפִּיר צוּ שְׁרַייבְּן זַיינֶע חִידוּשִׁים, פְלֶעגְט עֶר שְׁרַייבְּן זַיינֶע חִידוּשִׁים אוֹיף דִי וֶוענְט פוּן זַיין הוֹיז אוּן אוֹיךְ אוֹיף שְׁטִיקְלֶעךְ פוּן קֶעסְטְלֶעךְ.

עֶר הָאט גְעווָואוֹינְט אִין שְׁטָאט ווִילְנָא, דָארְט פְלֶעגְט עֶר זִיצְן לֶערְנֶען אַ גַאנְצְן טָאג. עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען שַׁיָיךְ צוּקוּמֶען צוּ אִים פְרֶעגְן שְׁאֵלוֹת אָדֶער זִיךְ דוּרְכְרֶעדְן אַן עִנְיָן אִינְמִיטְן לֶערְנֶען. סוֹף טָאג וֶוען עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט זַיינֶע שִׁיעוּרִים פְלֶעגְט עֶר עֶפֶענֶען דִי טִיר, אוּן אַרַיינְגֶעלָאזְט דֶעם עוֹלָם וָואס הָאט גֶעוַוארְט.

אֵיין טָאג בִּשְׁעַתְ'ן לֶערְנֶען הָאט עֶר צוּגֶערוּפְן דֶעם גַבַּאי אוּן גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל אִים רוּפְן אַ גֶעווִיסֶער אִיד. דֶער אִיד אִיז אַרִיבֶּערְגֶעקוּמֶען, אוּן דֶער שַ"ךְ הָאט פַּארְבְּרֶענְגְט מִיט אִים אַ שְׁטִיק צַייט.

דֶער עוֹלָם הָאט גֶעזֶען אַז דֶער שַ"ךְ נֶעמְט יֶעצְט אוֹיף, הָאבְּן מֶענְטְשְׁן זִיךְ גֶענוּמֶען שְׁטְרָאמֶען צוּם שְׁטוּבּ פוּנֶעם שַ"ךְ, וֶוען דֶער שַ"ךְ הָאט גֶעעֶנְדִיגְט רֶעדְן מִיט דֶעם אִיד הָאט עֶר אִים אַרוֹיסְבַּאגְלֵייט, אוּן צוּרִיק אַרַיין אִין צִימֶער לֶערְנֶען צוּ דִי אִיבֶּערְרַאשׁוּנְג פוּנֶעם גַאנְצְן עוֹלָם.

צְווִישְׁן דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעוַוארְט אַרַיינְצוּגֵיין צוּם שַ"ךְ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד אַן עַזּוּת פָּנִים, שְׁפֶּעטֶער וֶוען דֶער שַ"ךְ הָאט אוֹיפְגֶענוּמֶען מֶענְטְשְׁן אוּן עֶר אִיז אַרַיין צוּם שַ"ךְ, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט דֶעם שַ"ךְ: "פַּארְוָואס הָאסְטוּ אַרַיין גֶערוּפְן דֶעם אִיד, פַּארְוָואס הָאסְטוּ אִים בַּאגְלֵייט אוּן נָאכְדֶעם פַארְמַאכְט דִי טִיר אוֹיף אַלֶע וָואס וַוארְטְן?" הָאט דֶער הֵיילִיגֶע שַ"ךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "מִיט דֶעם אִיד הָאבּ אִיךְ מְקַיֵּים גֶעוֶוען דִי מִצְוָה פוּן לְוָיַת הַמֵּת." דֶער פְרֶעגֶער הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר זָאגְט, הָאט דֶער שַ"ךְ אִים מַסְבִּיר גֶעוֶוען: "דֶער אִיד גֵייט יֶעצְט גֶע'הַרְגְ'עט וֶוערְן דוּרְךְ רוֹצְחִים."

דֶער אִיד הָאט זִיךְ מוֹרָא'דִיג גֶעווָאוּנְדֶערְט, אוֹיבּ דֶער רֶבִּי' וֵוייסְט דָאךְ יָא אַז דֶער אִיד גֵייט גֶע'הַרְגְ'עט וֶוערְן פַּארְוָואס הַאלְט עֶר אִים נִישְׁט צוּרִיק פוּן גֵיין וַוייטֶער. הָאט דֶער אִיד אָפְּגֶעמַאכְט אַז עֶר גֵייט יֶענֶעם אוֹיפְזוּכְן, אוּן עֶר גֵייט צוּרִיק הַאלְטְן דֶעם אִיד פוּן גֵיין וַוייטֶער אִין וֶועג. אַזוֹי הָאט עֶר טַאקֶע גֶעטוּן, עֶר הָאט זִיךְ נָאכְגֶעפְרֶעגְט וואוּ דֶער אִיד אִיז גֶעגַאנְגֶען, בִּיז עֶר הָאט אִים גֶעטְרָאפְן אוּן גֶעבֶּעטְן: "קוּם מִיט מִיר צוּרִיק אִין שְׁטָאט, אִיךְ ווִיל דִיר גֶעבְּן אַסַאךְ גֶעלְט," דֶער אִיד הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען.

אוֹיפְן וֶועג צוּרִיק הָאט אַ סָאלְדַאט גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן רֵיינִיגְן זַיין שִׂיסֶער, אוּן בְּטָעוּת אִיז אַ קוֹיל אַרוֹיס גֶעפְלוֹיגְן פוּנֶעם שִׂיסֶער, עֶס אִיז אַרַיין אִין דֶעם אִיד אוּן עֶר אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן אוֹיפְן פְּלַאץ רַחֲמָנָא לִצְלָן.

דֶער אִיד - וַוייל עֶר הָאט זִיךְ יֶעצְט גֶעשְׁפִּירְט שׁוּלְדִיג אַז עֶר הָאט דָאס גוֹרֵם גֶעוֶוען - אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, עֶר אִיז גֶעלָאפְן צוּם הֵיילִיגְן שַ"ךְ אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן וֵויינֶען: "אִיךְ הָאבּ אִים גֶעוָואלְט רַאטֶעוֶוען, אִיךְ הָאבּ זִיכֶער גֶעמַאכְט אַז עֶר גֵייט נִישְׁט וַוייטֶער אִין וֶועג, אוּן צוּם סוֹף הָאבּ אִיךְ גָאר גוֹרֵם גֶעוֶוען אַז עֶר זָאל שְׁטַארְבְּן." הָאט דֶער שַ"ךְ אִים גֶעזָאגְט: "יָא יָא דוּ בִּיסְט טַאקֶע שׁוּלְדִיג, נִישְׁט אוֹיף דֶעם אִיד בִּיסְטוּ שׁוּלְדִיג, וַוייל עֶר הָאט סַיְיווִי גֶעדַארְפְט גֶע'הַרְגְ'עט וֶוערְן נִישְׁט קַיין חִילוּק ווִיאַזוֹי, אָבֶּער דוּ הָאסְט גוֹרֵם גֶעוֶוען אַז נָאךְ צְוֵויי מֶענְטְשְׁן זָאלְן יֶעצְט גֶע'הַרְגְ'עט וֶוערְן, וַוייל דֶער אִיד הָאט גֶעדַארְפְט דוּרְכְגֵיין אַ וַואלְד וָואס דָארְט אִיז גֶעוֶוען רוֹצְחִים, אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אָנְגֶעגְרֵייט אִים צוּ הַרְגְ'עֶנֶען רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוֹיבּ זֵיי וָואלְטְן אִים גֶע'הַרְגְ'עט וָואלְט גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶע רַעַשׁ, אוּן פָּאלִיצֵיי וָואלְטְן זִיךְ גֶענוּמֶען זוּכְן נָאךְ דֶעם רוֹצְחִים, וָואס דוּרְכְדֶעם וָואלְט מֶען זֵיי גֶעכַאפְּט, אָבֶּער ווִיבַּאלְד דוּ הָאסְט אִים צוּרִיק גֶעשְׁלֶעפְּט אִין שְׁטָאט אַרַיין, זֶענֶען דִי רוֹצְחִים גֶעבְּלִיבְּן אִין וַואלְד, אוּן דֶערְוַוייל זֶענֶען צְוֵויי אִידְן אַדוּרְךְ דֶעם וַואלְד אוּן זֶענֶען נֶעבֶּעךְ גֶע'הַרְגְ'עט גֶעוָוארְן.

הָאט מוֹהֲרָא"שׁ אוֹיסְגֶעפִירְט: זַיי נִישְׁט קְלוּגֶער פוּנֶעם צַדִּיק, דוּ מֵיינְסְט אַז דֶער צַדִּיק פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר טוּט, אוּן אַז דַיין רַחְמָנוּת אִיז מֶער פוּנֶעם צַדִּיק, אָבֶּער צוּם סוֹף נִישְׁט נָאר דוּ רַאטֶעוֶועסְט אִים נִישְׁט, נָאר דוּ הַרְגְ'עסְט נָאךְ צְוֵויי אִידְן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן, גְלֵייבּ אִינֶעם צַדִּיק בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת.

(שיחות מוהרא"ש חלק י"ג, ערך אמונת חכמים)

דעם הייליגן רבי'נ'ס לעבנסגעשיכטע

פ"ט

פָּארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:

רֶבִּי נָתָן מִיט זַיינֶע חֲבֵרִים פָּארְן קַיין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. אִינֶעם שְׁמוּעֶס הָאט דֶער רֶבִּי זֵיי דֶערְצֵיילְט דְרֵיי מַעֲשִׂיּוֹת. דִי עֶרְשְׁטֶע מַעֲשֶׂה פוּן הרה"ק רֶבִּי מָרְדְכַי פוּן נֶעשְׁכִיז זי"ע, אֵיינְמָאל הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר זַיין תַּלְמִיד עֶר זָאל אָפְּקוֹיפְן זַיין הוֹיז. הָאט עֶר דָאס אָפְּגֶעקוֹיפְט פַאר גָאר בִּילִיג דוּרְךְ אַ נֵס.

עֶר אִיז גֶעפָארְן צוּ זַיין רֶבִּי'ן צוּ דֶערְצֵיילְן דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה וְוִי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַן עוֹשֶׁר. דֶערְנָאךְ הָאט עֶר גֶעוָואלְט אַהֵיימְפָארְן, אוּן אִיז זִיךְ גֶעגַאנְגֶען גֶעזֶעגֶענֶען פוּן זַיין רֶבִּי'ן, עֶר הָאט אָבֶער גֶעזֶען אַז דֶער רֶבִּי גֶעזֶעגְנְט זִיךְ נִישְׁט מִיט אִים וְוִי גֶעוֶוענְלִיךְ, עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען פוּן דִי תְּנוּעוֹת פוּן זַיין רֶבִּי'ן אַז ס'שְׁמֶעקְט אִים נִישְׁט עֶר זָאל אַהֵיימְפָארְן, הָאט עֶר מוֹרָא גֶעהַאט אַהֵיימְצוּפָארְן, אוּן עֶר אִיז דָארְט גֶעבְּלִיבְּן.

אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען אַסַאךְ מָאל, יֶעדֶעס מָאל וָואס עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען זִיךְ גֶעזֶעגֶענֶען, הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין רְשׁוּת אַהֵיימְצוּפָארְן, אַז דֶער רֶבִּי הַאלְט אַז ס'אִיז נִישְׁט גוּט פַאר אִים אַהֵיימְצוּפָארְן, עֶר הָאט זֵייעֶר מוֹרָא גֶעהַאט אַז אוֹיבּ וֶועט עֶר אַהֵיימְגֵיין וֶועט עֶר אוֹיךְ שְׁטַארְבְּן, אַזוֹי וְוִי דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע בַּעֲלֵי בַּתִּים פוּן דֶעם הוֹיז, אִיז עֶר וַוייטֶער גֶעבְּלִיבְּן בַּיי זַיין רֶבִּי'ן, אוּן אַזוֹי הָאט זִיךְ עֶס גֶעצוֹיגְן פַאר גַאנְצֶע דְרַייצְן יָאר. דֶער רֶבִּי הָאט דַאן דֶערְצֵיילְט, אַז זַייעֶנְדִיג אִין הוֹיז פוּן הרה"ק רֶבִּי מָרְדְכַי פוּן נֶעשְׁכִיז זי"ע הָאט עֶר נָאךְ בַּאגֶעגְנְט דָארְט דֶעם מֶענְטְשׁ.

וֶוען הרה"ק רֶבִּי מָרְדְכַי פוּן נֶעשְׁכִיז זי"ע אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן, הָאט דֶער אִיד זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען אוּן אִיז צוּרִיק אַהֵיימְגֶעפָארְן, אוּן גְלַייךְ וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַהֵיים אִיז עֶר נִפְטָר גֶעוָוארְן.

מִיט דִי מַעֲשֶׂה הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זֵיי מְרַמֵז גֶעוֶוען אַז זֵיי זָאלְן זֵייעֶר גוּט צוּלֵייגְן קָאפּ צוּ יֶעדֶעס וָוארְט וָואס עֶר זָאגְט, אֲפִילוּ וֶוען עֶר רֶעדְט סְתַּם וֶועלְטְלִיכֶע זַאכְן, אוּן אֲפִילוּ אוֹיף זַיינֶע תְּנוּעוֹת, זֵיי זָאלְן נִישְׁט מֵיינֶען אַז עֶר רֶעדְט חָלִילָה פָּשׁוּטֶע זַאכְן.

דִי צְוֵוייטֶע מַעֲשֶׂה הָאט דֶער רֶבִּי זֵיי דֶערְצֵיילְט פוּן הרה"ק רֶבִּי שְׁנֵיאוֹר זַלְמָן פוּן לִיאַדִי זי"ע, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא, אַז עֶר הָאט אַ תַּלְמִיד, רֶבִּי אַהֲר'עֶלֶע פוּן סְטְרַאשֶׁעלֶע, וָואס זָאגְט שׁוֹין אַכְט יָאר תּוֹרָה אוֹיף אֵיין תּוֹרָה פוּן זַיין רֶבִּי'ן.

מִיט דֶעם הָאט דֶער רֶבִּי מְרַמֵז גֶעוֶוען פַאר רֶבִּי נָתָן, אַז עֶר זָאל אַסַאךְ מְחַדֵשׁ זַיין אִין זַיינֶע תּוֹרוֹת

אוּן דִי דְרִיטֶע מַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶוען וְוִי אַזוֹי הרה"ק רֶבִּי יְחִיאֵל מִיכְל פוּן זְלָאטְשׁוּב זי"ע אִיז נִתְקָרֵב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע. וֶוען רֶבִּי מִיכְל'עֶ זְלָאטְשׁוּבֶער זי"ע אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל, אִיז אַרוֹיפְגֶעפַאלְן אוֹיף אִים אַ גְרוֹיסֶע פַּחַד, אוּן נָאכְדֶעם וֶוען עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן מִיט בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע אִיז שְׁוַואכֶער גֶעוָוארְן זַיין יִרְאָה, אוּן ס'אִיז אִים אַרַיין אַ מַחְשָׁבָה אִין קָאפּ אַז אֶפְשָׁר אִיז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע אַן עַם הָאָרֶץ. אִין יֶענֶע סֶעקוּנְדֶע הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע אָנְגֶעכַאפְּט זַיין הַאנְט אִין אִים גֶעזָאגְט, "מִיכְל, בִּיסְט אַן עַם הָאָרֶץ!", אוּן רֶבִּי מִיכְל'עֶ הָאט זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן פוּן דֶעם, זֶעעֶנְדִיג אַז עֶר וֵוייסְט זַיינֶע מַחְשָׁבוֹת.

אוּן אַזוֹי אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען מִיט רֶבִּי נָתָן, וַוייל בִּשְׁעַת עֶר הָאט גֶערֶעדְט מִיטְ'ן רֶבִּי'ן אִיז אִים אוֹיךְ אַרַיינְגֶעקוּמֶען אַזַא מַחְשָׁבָה, אוּן דֶערְצֵיילְנְדִיג דִי מַעֲשֶׂה הָאט דֶער רֶבִּי אָנְגֶעכַאפְּט רֶבִּי נָתָן'ס הַאנְט אוּן אִים גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער, "מִיכְל, בִּיסְט אָן עַם הָאָרֶץ!"

דֶער רֶבִּי הָאט מִיט דֶעם גֶעוָואלְט מְרַמֵז זַיין פַאר רֶבִּי נָתָן אַז עֶר הָאט גֶעזֶען זַיינֶע מַחְשָׁבוֹת וָואס עֶר הָאט דֶעמָאלְט גֶעטְרַאכְט. רֶבִּי נָתָן אִיז זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן גֶעוָוארְן פוּן דֶעם, זֶעעֶנְדִיג וְוִי אַלֶע זַיינֶע מַחְשָׁבוֹת זֶענֶען נִישְׁט פַארְהוֹילְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

וָואס הָאט זִיךְ וַוייטֶער אָפְּגֶעשְׁפִּילְט
לֵיינְט קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה

היכל הלכה

איבערגעגעבן
דורך הגאון
הר"ר יונה
זינגער שליט"א
דומ"ץ קרית
ברסלב

הלכות הדלקת הנרות

ל"ד. מגן אברהם ברענגט פון הייליגן אר"י הקדוש אז דער מאן [51] זאל אפברענען די לעכט פאר שבת, [52] כדי ווען די פרוי צינדט די לעכט זאל זיך עס גראד אנצינדן. [53]

ל"ה. אויך זאל דער מאן אנגרייטן די לעכט, עס לייגן אויפן ריכטיגן פלאץ, און עס מסדר זיין אין די לייכטער.[54]

ל"ו. ווען מען לעשט אויס די לעכט זאל מען עס נישט אויסבלאזן מיט די מויל צוליב א סכנה [55], אבער מען מעג זאגן א ווארט וואס האט א 'פ' {ווי פורים פסח} און אזוי אויסלעשן [56], א שוועבל מעג מען יא אויסלעשן דורך בלאזן מיט די מויל. [57]

ל"ז. אויב איינער האט נאר געלט פאר לעכט אדער פאר קידוש, זאל ער ענדערש קויפן לעכט ווייל דאס איז שלום בית! די זעלבע דין איז ביי חנוכה לעכט, ווען עס איז דא נאר געלט פאר איינס, חנוכה לעכט אדער שבת לעכט, קומט שבת לעכט פריער.[58]

ל"ח. מען זאל נישט צינדען די שבת לעכט צו פרי, ווייל דעמאלטס דערקענט מען נישט אויף די לעכט אז עס איז לכבוד שבת, אזוי אויך זאל מען נישט צינדען צו נאנט צו שבת, ווייל מען קען פארפאסן די צייט וואס מען קען נאך צינדען. למעשה שרייבט דער ראש ישיבה שליט"א אין ספר עצתו אמונה, אז מען קען זיך פארלאזן אויף די פוסקים וואס זאגן אז היינטיגע צייטן ווען מען צינדט אן שבת לעכט זעט מען שוין גראד אן אז עס איז לכבוד שבת, צוליב וואס א גאנצע וואך באניצט מען זיך מיט לעקטער.

ל"ט. ווען מען צינדט לעכט זאגט מען די ברכה 'להדליק נר של שבת' און ווען דער מאן צינדט מאכט ער די ברכה. [59]

מ'. אויב מען געדענקט נישט צו מען האט געזאגט די ברכה, זאגט מען נישט איבער די ברכה. און אזוי איז די הלכה ביי יעדע ספק ברכה (ביאור הלכה).

מ"א. עס זענען דא וואס זאגן די ברכה דוקא שטיל, און פארקערט איז דא וואס פירן זיך עס צו זאגן דוקא הויעך,ביידע מנהגים האבן א מקור אין הלכה (שו"ת באר משה ח"ח סי' רל"ד).[60]

מקורות והערות

51) הגם שבתוספות כ' שהנשים מהבהבין, וכן כ' הרא"ש וכ"כ בספר התרומה סי' ר"ל, ורבינו ירוחם, ני"ב ח"ב, וכ' בשו"ע הרב, רס"ד סעיף י"ד, ובעחה"ש סעיף י"ב, אבל למעשה נוהגים אצלינו כש"כ במג"א בשם האר"י הקדוש

52) מקור מ"ב רס"ד סקכ"ח. במשנה יש מחלוקת בין ר' אלעזר ור"ע, ר"א סובר דצריך להבהב הפתילה לפני הדליקה, ור"ע סובר אי"צ. והראשונים פסקו כר"ע דאי"צ, {רי"ף יג. ריטב"א סה"ת סו"ס ר"ל תשב"ץ ועוד} ותוס' מוסיף (כט. ד"ה רבא) בחנם נהגו הנשים להדליק הפתילה ולכבותה כדי שתהא מהובהבת, דהא אין הלכה כר"א דשמותי הוא, אבל הרא"ש כ' (פ"ב דשבת סו"ס ח"י) ונוהגת הנשים להדליק הפתילה ולכבותה כדי שתהא מהובהבת, ויאחז בה האור היטב, ומנהג יפה הוא, ומיהי הלכה כר"ע, דמדליקין אע"פ שאין מחורכת, דר"א שמותי הוא, ובאו"ז כ' להדיא כי אע"ג דהלכה כר"ע דלא בעינן פתילה מהובהבת, מיהו מצוה מן המובחר במהובהת. וטור סי' רס"ד כ': ואי"צ להבהב הפתילה שאין הלכה כר"א ומ"מ נהגו הנשים{עי' בהג' והערות של דפוס הדרת קודש} להדליק הפתילה ולכבותה כדי שתהא מחורכת ותאחז בה האור יפה, הו"ד במ"ב סי' רס"ד סקכ"ח וכן כאן רס"ג סקי"ב

ועל הקשיא המפורסם איך מותר להחמיר כב"ש והלא כל העושה כב"ש חייב מיתה, כדאיתא במשנה ברכות במעשה דר' טרפון? תירץ החיד"א במחזיק ברכה סי' רס"ד סק"ד דזה אינו אמר כל היכא שיש עדיפות בעשיית כב"ש דאז גם ב"ה מודים דיותר טוב לעשות כב"ש, אלא דלא חייבו חכמים לעשות, משא"כ כשאין שום עדיפות כמו בקרי"ש אסור, ודו"ק

53) **אין צייטן פון חז"ל האט די אפברענען געהאלפן ס'זאל ברענען בעסער (רש"י ור"ן), אדער כדי ס'זאל זיין א גרעסערע ליכטיגקייט, (רמב"ם ופיהמ"ש) אדער כדי דאס פייער זאל זיך בעסער אנכאפן צום קנויט (רא"ש), אבער די מציאות איז אז היינטיגע לעכט\קנויטן מאכט גארנישט אויס דאס אז מען ברענט עס אפ, אבער דער טעם פונעם משנה ברורה אז ס'זאל זיך שנעלער אנכאפן ביים צינדען איז יא ווייטער שייך, און אזוי איז דער מנהג ביי אונז. דער ראש ישיבה שליט"א דערמאנט אסאך ביי די ליל שישי שיעורים בשם דער הייליגע צאנזער רב זי"ע אז אפברענען די לעכט איז א תיקון אויף פגם הברית ר"ל, וכן איתא בספר מקוה ישראל בהקדמה אות י"ב.**

54) סידור האר"י - הו"ד בס' סידורו של שבת ח"א שורש ב' וז"ל: והכנת הנרות יהיה על ידך דוקא, והוא שתערוך ותעמוד הנרות על המנורה, ואך הדלקתם תהי' ע"י אשתך, וכ"כ במ"ב, דרך החיים (הכנסת שבת סעיף ח"י) חיי"א (כ"ה סעיף ס"ו) קוצשו"ע ע"ה ה'

55) אזוי ווערט געברענגט אין ראשית חכמה, חופת אליהו ש' ג', בן איש חי פרשת פינחס אות ח"י, בשם כתבי האר"י ז"ל זהו דבר סגולי.

56) ס' נשמת שבת סי' תצ"ח.

57) כי אין לך אלא חידושו והם אמרו המכבה את הנר, ולא אמרו את האיש.

58) **דער פרמ"ג שרייבט אז דאס איז געזאגט געווארן לגבי שבת לעכט \ חנוכה לעכט פון שבת, אבער לעכט פון דאנערשטאג זאגט מען נישט אז מען זאל נישט צינדן היינט און מיט די ביסל געלט קויף שבת לעכט, ווייל אין מעבירין על המצוות.** בשם שו"ת חכם צבי, שהסכים לדב"ז

59) **אין טור איז דא א מחלוקת אויב מען זאל מאכן א ברכה אויף הדלקת הנרות** (מקור בתוס' כה: ד"ה חובה) **יש אומרים אז נישט** (אין ספר הישר לר"ת שטייט אז די יש אומרים איז רבינו משולם, מ'זעט פון תוס' זיין סברא, ער לערנט אז די מצוה איז נישט מ'זאל אנצינדן די שבת לעכט, נאר כדי ס'זאל ברענען לעכט, מילא אפילו עס ברענט נאך פון בייטאג איז דאך אויך גוט, מילא זאל מען נישט זאגן קיין ברכה ביים צינדן). **רבינו תם לערנט, אין הכי נמי די מצוה איז אנצינדן, און אויב ברענט טאקע לעכט פון בייטאג און אזוי אויך טאמער מען האט געצינדן צו פרי, דארף מען עס אויסלעשן און עס צוריק אנצינדען לכבוד שבת קודש, אזוי פסק'ענט דער מחבר אז מען דארף יא מאכן א ברכה.**

60) וז"ל באר משה: אני ראיתי בבית אאמו"ר הגאוה"צ זצ"ל הי"ד שעמד אצל אמי הצדיקת ע"ה הי"ד כשהדליקה ואמרה הברכה בקול, ואאמו"ר זצ"ל ענה אמן, אבל בבית כ"ק מוח"ז הגאוה"צ מהרש"צ הכהן זצ"ל ראיתי שהרבנית עשתה הברכה בחשאי ולא ענה אמן ולא אמר לה לעשות הברכה בקול כדי שיענה אמן על ברכתה: **אינמיטן די שמועס צווישן רבינו משולם וואס האט גע'טענה'ט אז מען זאגט נישט קיין ברכה זאגט ער, איך האב געזען אסאך פלעצער ווי מען זאגט נישט קיין ברכה ביים לעכט צינדן, ענטפערט אים דער רבינו תם, דאס וואס דו זעסט אז מען זאגט נישט קיין ברכה דאס איז צוליב וואס די פרויען זאגן די ברכה שטיל, עיי"ש און דאס איז דער מקור פארן זאגן די ברכה דוקא שטיל.**

דער מקור צו זאגן דוקא הויעך שטייט קלאר אין שו"ע או"ח ר"ו סעיף ג' - כל הברכות צריך להשמיע לאזניו, ואם לא השמיע יצא.

לזכות נפתלי הירצקא בן רחל גיטל לאה להצלחה בכל ענינים

סעודה מיטן ראש ישיבה

סעודת שבת קודש אינדערפרי
פרשת מטות מסעי תשפ"ד

איבערגעגעבן דורך י. פ. נ"י

געלויבט דעם אייבערשטן אז איך האב זוכה געווען צו זיין ביי א סעודה פונעם ראש ישיבה שליט"א.

איך האב אפגעשריבן אסאך שיינע נקודות פונעם סעודה, וואס איך בין זיכער אז די ליינער וועלן פון דעם הנאה האבן און ארויסנעמען שיינע לימודים דערפון.

די שטוב איז פיל מיט מלאכים

ווען מען איז אהיימגעגאנגען פון שול האט אביסל גערעגנט, ווען איך בין אריינגעגאנגען אין שטוב פונעם ראש ישיבה, איז דער ראש ישיבה געשטאנעןביים טיר און אויסגעשפרייט א האנטוך, כדי ווער עס קומט אריין זאל זיך קודם אפווישן די שיך פארן אריינקומען, און נישט מאכן שמוציג די פלאר מיט די בלאטע פון אינדרויסן, ווען דער ראש ישיבה האט מיר געזען האט ער מיר געהייסן אריינקומען.

נאכדעם זענען אנגעקומען נאך געסט, דער ראש ישיבה האט יעדן געגעבן א פלאץ און געהייסן זיך אראפזעצן, און דערנאך אנגעהויבן צו זינגען זמירות,

דער ראש ישיבה האט אנגעפאנגען "שבת שלום ומבורך, הייליגער שבת, לעכטיגער שבת, זיסער שבת," נאכדעם האט ער געפרעגט פון די קינדער וואס נאך? צוקער'דיגע שבת! יאמי שבת! און אזוי ווייטער.

שפעטער אינמיטן די זמירות האט דער ראש ישיבה געזאגט: "שכח אייבערשטער אז מיר האבן אזעלכע לעכטיגע קינדער," ער האט געזאגט פאר זיין ווייב: "מאמי האסט געדארפט זען ווי הערליך די קינדער האבן געדאווענט אין שול." נאכדעם האט ער ווייטער געזינגען, און שפעטער זיך נאכאמאל אפגעשטעלט אינמיטן זינגען און געזאגט: "די שטוב איז פיל מיט מלאכים." דער ראש ישיבה האט געפרעגט פון די קליינע קינדער: "עטץ זעטס די מלאכים? קינדער מ'קען זען ווי שבת איז די לעכטיגקייט אנדערש ווי א גאנצע וואך, די ספאט לייטס שיינט שטערקער שבת, די טשענדעליר שיינט אנדערש שבת ווי א גאנצע וואך, ס'איז נישט ווייל יעצט איז ביינאכט און אלע לעקטער'ס זענען אנגעצינדן, ווייל אויב איך וועל זיך אראפזעצן שפילן מיט ענק ראמ"י (א שפיל) צוזאמען מיט מאמי אינמיטן די וואך, אפילו מ'וועט אנצונדן אלע לעקטער'ס, וועט עטץ זען אז ס'איז נישט די

זעסט, אויב איינער הערט די נייעס, זעט ער שוין ווי די מלחמה איז שוין אנגעקומען ביז דא.

זעלבע שיין ווי שבת, די חלה מיט טאמעטע דיפ האט אן אנדערע טעם שבת ווי אינמיטן די וואך. אז די וועסט עסן זופ דאנערשטאג וועט דאס נישט האבן די געשמאקע טעם וואס ס'האט שבת. וועט מיר איינער זאגן, אז ס'איז ווייל ס'קאכט זיך לענגער, אויב אזוי פארוואס זונטאג ווען ס'קאכט זיך נאך לענגער האט דאס נישט דעם טעם."

דער ראש ישיבה האט געפרעגט איינע פון די קינדער: "געדענקסט נאך די סטריט לייטס אין שטאט, ווי שבת שיינט דאס אנדערש?" די קינדער האבן געזאגט "יא יא ס'איז עכט."

פאר קידוש איז איין קינד איז געשטאנען אויף א בענקל, האט אים דער ראש ישיבה געהייסן אראפגיין פון בענקל און געזאגט: "ביי קידוש שטייט מען מיט צאמגעלייגטע פיס אזוי ווי ביי שמונה עשרה."

ראש ישיבה ראש ישיבה

אינמיטן עסן די פיש האט זיך דער ראש ישיבה אנגערופן: "איך האב קלוגע קינדער, שלמה איז געפארן צו זיין שווער אויף קרית יואל, נתנאל איז געפארן אויף שבת צו זיין טאטע, עס איז דא אינגעלייט וואס זייער מאמע שטייט און ווארט זיי זאלן קומען אויף שבת, אבער זיי בלייבן דא, ווען 'ראש ישיבה' 'ראש ישיבה' 'ראש ישיבה', איז דאס דען נישט קיין טיפשות? פאלג די דרשות, זיי מקיים וואס מ'זאגט ביי די דרשות, כיבוד אב ואם איז די גרעסטע זאך."

דער ראש ישיבה האט געפרעגט פון די געסט זיי אלן זאגן עפעס, איינער האט געזאגט אז ער איז יעצט געווען אין ארץ ישראל, און געברענגט א גריס פון היכל הקודש בית שמש, עס איז א שיינע ווינקל, עס הערש דארט א אחדות און א ליבשאפט. אויך האט ער האט געזען בחורים פון די ישיבה אין ארץ ישראל זענען מפיץ ביים ציון פון אור החיים הקדוש אינעם טאג פונעם יארצייט, דער ראש ישיבה האט זייער הנאה געהאט דערפון. דער ראש ישיבה האט געזאגט אז אין ארץ ישראל איז גרינגער מפיץ צו זיין, ווייל אלעס איז דארט אידן.

מלחמה נאר ביי די ליינערס

מען איז אריין אין א שמועס איבער די מלחמה, דער ראש ישיבה האט געפרעגט וואס ס'טוט זיך דארט, האט ער געזאגט אז אין בית שמש זעט מען נישט קיין מלחמה, נישט קיין ציונים. האט דער ראש ישיבה געזאגט אז בית שמש איז א ערליכע פלאץ, לכתחילה האבן זיי דאס געוואלט בויען פאר פרייע, אבער די פרייע וואקסן נישט אזוי סאך ווי די פרומע אידן, זיי קענען נישט אנפילן אזא געגנט

דער ראש ישיבה האט געזאגט: "די מלחמה איז נאר ביי די וואס ליינען נייעס, עס קענען זיין צוויי שכנים, איינער זיצט אין שטוב און ווארפט זיך פאר שרעק אז ס'איז געפערליך, ממש די וועלט ענדיגט זיך, נאך אביסל איז ממש אויס וועלט, דאס איז ווייל ער איז צוגעקלעבט צו די נייעס, ווידער ביים שכן, דארט זיצט א איד מיט אן אשר בנחל און איז זיך מחי', אזא שיינע וועלט, אלעס איז דער אייבערשטער, שכח אייבערשטער."

אינמיטן איז אריבער געפלויגן א עראפלאן האט דער ראש ישיבה געזאגט: "זעסט, אויב איינער הערט די נייעס, זעט ער שוין ווי די מלחמה איז שוין אנגעקומען ביז דא, זעסט דאך ווי עראפלאנען פליען, ווער ווייסט וואס ס'גייט שוין דא פאר? אבער איינער וואס הערט נישט די נייעס טראכט אז איינער וויל זיך דא אויסלופטערן פארט ער אויף א לופט רייזע מיט אן עראפלאן צו זען די שיינע וועלט פונעם אייבערשטן."

כולל איז א סתירה מיטן דרך הלימוד?

עס האבן געגעסן דארט צוויי חתנים וואס לערנען אין כולל, האט זיי דער ראש ישיבה געזאגט: "איך האב גרויס נחת פון ענק אז עטץ לערנט'ס אין כולל טור בית יוסף." דער ראש ישיבה האט זיך נאכגעפרעגט ביי זיי ווי אזוי עס גייט אין כולל, איינער פון די חתנים האבן געפרעגט פונעם ראש ישיבה: "וויאזוי קען מען מצליח זיין אין תורה?" האט דער ראש ישיבה געענטפערט: "נאר מיט תפילה, עס האט גארנישט מיט קיין גוטע קאפ".

דער צווייטער חתן האט געפרעגט אויף דאס וואס דער ראש ישיבה זאגט אז מען לערנט א גאנצן טאג בגירסא און אויך האט מען איין שיעור בעיון, איז ווי אזוי שטימט דאס מיט כולל וואס דארט לערנט מען דאך א גאנצע טאג בעיון? האט דער ראש ישיבה געזאגט: "כולל איז דען א גאנצן טאג? ווילאנג איז שוין כולל? עס איז דא ביי אונז כולל אינגעלייט וואס לערנען אסאך מער צייט בגירסא פון וויפיל שעות זיי זיצן אין כולל, דו ווייסט וויפיל צייט ס'איז דא אין א טאג?"

איינע פון די חתנים איז אן אייניקל פון הגאון ר' זעליג שפילמאן ז"ל בעל פתורא דשבתא, האט דער ראש ישיבה פארציילט אז ווען ער האט אנגעפאנגען לערנען שלחן ערוך האט ער דאס געלערנט מיט פתורא דשבתא, ווען עס איז נאך געווען אין קונטרסים (ר' זעליג ז"ל איז נפטר געווארן ביי זיין טאכטער'ס חתונה, נאכן טאנצן מצוה טאנץ אויף די ברסלב'ע ניגון עוז והדר לבושה איז ער צוזאם געפאלן און גלייך אוועק אויפן פלאץ).

איינער האט געפרעגט דעם ראש ישיבה אויב מ'מעג גיין אביסל שפאצירן אין וואלד צו מאכן התבודדות אין די שעות וואס שטייט אין שלחן ערוך אין די טעג פון די דריי וואכן זאל מען נישט גיין שפאצירן? האט דער ראש ישיבה געזאגט: התבודדות מעג מען, זעסט דאך אז דער רבי האט גענומען די משנה פון 'הניעור בלילה' אנשטאט 'מתחייב בנפשו' (וואס דאס מיינט פשוט פשט אז ער איז זיך אליין שולדיג זיין טויט) האט דער רבי געזאגט פשט אין די משנה פארקערט אז דורך התבודדות קען מען צוקומען צו גרויסע זאכן אז די גאנצע וועלט שטייט אויף אים, ווייל התבודדות איז גאר א גרויסע זאך.

אנגעפולטע סדר היום

א גאנצן צייט האט דער ראש ישיבה געשיקט די קינדער זאלן העלפן מאמי אין קאך און געזאגט: מאמי איז אין קאך אליין, גיי העלף איר."

דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר זיין ווייב: "די עסן האט אלע טעמים, שכח פארן צושטעלן אזא סעודה."

א קינד האט אנגערירט א אנדערן קינד, האט דער ראש ישיבה געזאגט שטרענג: "מען טאטשט נישט קיין קינדער." דער ראש ישיבה האט געזאגט אז עס איז דא א א מחלה וואס הייסט 'טאטשן', איינער וואס מוז אלעס אנרירן.

ביי די פלייש האט זיך דער ראש ישיבה אנגערופן: "איך עס נישט קיין פלייש א גאנצע וואך נאר שבת, נישט אלס חומרא, נאר איך קום פשוט נישט אן, צווישן וואס און וואס זאל איך דאס אריין שטופן.

דער ראש ישיבה האט אראפגעלייגט זיין סדר היום פון דאנערשטאג (איך האב מיך געוואונדערט ווי אזוי ער קען נאך זען גראד, ווייל איך בין געווארן דיזי נאר פון דאס הערן). "איך האב פארגעלערנט דעם טאג פינף שיעורים 1. די גמרא שיעור 2. ליקוטי מוהר"ן 3. א דרשה פאר בית פיגא 4. א דרשה פאר די בחורים 5. א שיעור פאר די אינגעלייט. צווישן איין שיעור אין צווייטן איז געווען אפאר מיטינגען. איך האב געמאכט שלום ביי איינעם, אינצווישן האב איך געלייגט שלאפן די קינדער. עס איז נישט געגאנגען, איין קינד איז נישט איינגעשלאפן, האב איך געטראכט: אקעי איך וועל זיצן ביים בעט פונעם קינד און זיך פארקוקן די מארגן'דיגע גמרא שיעור, אבער דאס קינד האט געפילט ווי איך בין נישט מיט אים, האב איך געמוזט צומאכן די גמרא און רעדן צום אייבערשטן, ביז דאס קינד איז איינגעשלאפן. דערנאך האב איך געקענט גיין געבן די אינגעלייט שיעור. נאכדעם האט ער אויסגעהערט שאלות פון מענטשן, וואס צווישן דעם איז געווען ערנסטע וויכטיגע זאכן."

דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר זיין טאכטער אז ער האט היינט גערעדט צו די מנהלת וועגן איר, צו מען זאל מאכן סקול פרייטאג, ס'איז געבליבן אז זי איז שוין גענוג גרויס אז זי קען שוין זיין פרייטאג אינדערהיים, און העלפן צושטעלן דעם גאנצן שבת. האט זי געזאגט: "איך בין נאך 9 יאר." האט דער ראש ישיבה געזאגט: "אין ברסלב קוקט מען נישט אויף די יארן, מען קוקט אויף די דערוואקסנקייט פונעם מענטש". דער ראש ישיבה האט איר געזאגט אז זי קען שוין כמעט ווערן א טיטשער.

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז עס איז געווען א מיידל וואס האט דא געלערנט, מ'האט איר געמאכט פאר א טיטשער, שפעטער האט זי חתונה געהאט קיין יבנאל, און יעצט פירט זי דארט די גאנצע סקול.

דער ראש ישיבה האט אנגעפאנגען אפצורוימען די טיש, און יעדער האט צוגעהאלפן, דערנאך האט מען געבענטשט. די בחורים האבן שוין געקלאפט אויפן טיר אריינצוקומען צו די באטע, דער ראש ישיבה האט געפרעגט זיין ווייב אויב מען זאל הייסן אויסטון די שיך, כדי די פלאר זאל נישט ווערן שמוציג פון די רעגן, למעשה האט מען געבעטן אז א קינד זאל שטיין ביים טיר, און בעטן יעדן זאל אפווישן די שיך פארן אריינקומען.

לערנען עצתו אמונה

ביים באטע איז געווען אסאך שיינע שמועסן, איך וועל פרובירן צו שרייבן א חלק דערפון.

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז איינער האט אים געברענגט א מתנה א ספר מעשיות פון רבי חיים קנייבסקי זי"ע, ער האט געזען דארט אן אינטערעסאנטע זאך, ביי די תוכחה (דער ראש ישיבה האט מסביר געווען וואס ס'מיינט תוכחה, ס'שטייט אין די תורה א פרשה, וואס דארט שטייט זייער שרעקליכע זאכן וואס ס'פאסירט ווען מ'היט נישט די תורה, עס שטייט דארט ממש אראפגעלייגט די גאנצע צווייטע וועלט מלחמה ווי אזוי ס'האט אויסגעקוקט), ביי אסאך פלעצער איז מען זייער מקפיד מען זאל נישט עולה זיין די תוכחה, ס'זאל נישט אויסקוקן ווי אזוי מען לייגט אויף אים די אלע זאכן, ס'איז דא אפילו אזעלכע וואס האבן מורא צו זיין אין שול ווען מ'ליינט דאס, אבער ביי חסידים האט מען נישט אזוי מקפיד געווען אויף דעם.

ברענגט ער דארט אז ס'איז געווען א שמועס ביי ר' חיים איבער דעם און איינער האט אוועק געמאכט די זאך, האט ר' חיים געזאגט אז מען זאל דאס נישט אוועק מאכן ווייל ער האט געקענט א מענטש וואס האט דאס אוועק געמאכט וואס האט געזאגט אז ער האט נישט מורא עולה צו זיין די תוכחה, און ווייסט וואס איז געשען? עס איז נישט אדורך א לאנגע צייט נאכדעם, ס'איז אנגעקומען א בריוו פון אמעריקע אז ער האט געהאט א מומע וואס איז אוועק אן קינדער, און זי האט איבער געלאזט א גרויסע ירושה. איז ער געפארן קיין אמעריקע צו נעמען די ירושה, ער איז אריין אין ביזנעס, און נישט מער און נישט ווייניגער ער האט אפגעלאזט די כולל! נא זעסטו אז ס'איז נישט קיין וויץ...

דער ראש ישיבה האט געזאגט: "איך האב דאס איבער געליינט נאכאמאל און נאכאמאל צו זען צו ער זעט גוט, ביי ר' חיים איז געווען די גרעסטע שטראף אז מען לאזט אפ די לערנען."

מיר געמאכט פאר א טרילאנער

דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר זיינע קינדער: "היינט איז די יארצייט פון אונזער זיידע דער הייליגער ישמח משה זי"ע." ער האט אויסגערעכנט אז זיי זענען פיר מאל א אייניקל, ווייל ער איז צוויי מאל א אייניקל, און זיין ווייב איז אויך צוויי מאל א אייניקל, זענען די קינדער פיר מאל א אייניקל. דער ראש ישיבה האט נאכגעזאגט פון מוהרא"ש אז יעדע צדיק וואס מ'איז א אייניקל פון אים, איז אזוי ווי נאך א זעראָ, למשל אז מען וויל שרייבן א גרויסע נאמבער טויזנט וכדומה, שרייבט מען קודם א איינס'ער, נאכדעם לייגט מען צו זעראָ'ס, אז מען לייגט צו איין זעראָ צום איינ'סער, איז דאס צען, נאך א זעראָ איז הונדערט, און אזוי ווייטער, יעדע זעראָ מאכט די נאמבער אסאך מער. דאס איז נאר ווען מען שרייבט קודם א איינס'ער, אבער אויב מען וועט שרייבן נאר זעראָ, וועט נישט העלפן וויפיל זעראָ'ס די גייסט לייגן, אייביג וועט דאס בלייבן די זעלבע זעראָ.

די זעלבע איז ביי יחוס, אויב דער אייניקל איז א איינ'ס, וועט העלפן אז מען לייגט צו זעראָ'ס, אבער אויב די אייניקל איז א זעראָ וועט אים גארנישט העלפן אז ער האט אסאך זעראָס.

מוהרא"ש איז אמאל געגאנגען צו א חתונה, איז צוגעקומען צו אים א מענטש, און האט אים ארום גענומען, מוהרא"ש האט אים געפרעגט וואס גייט פאר? וואס ווילסטו פון מיר? האט ער געזאגט: "מוהרא"ש האט מיר געמאכט פאר א טריליאנער, ווייל אלע מלמדים האבן מיר געזאגט אז איך בין גארנישט, איינער האט געזאגט אז ער איז גארנישט שב'גארנישט, איינער האט געזאגט אז פון דיר וועט גארנישט אויסוואקסן, יעדע מלמד האט צוגעלייגט נאך און נאך זעראָ'ס. אזוי ווייטער אין ישיבה, יעדער מגיד שיעור האט ארויפגעלייגט אויף אים נאך זעראָ'ס, ביז איין טאג האט ער געטראפן א קונטרס פון מוהרא"ש, און דארטן האט ער געזען אז ער איז אויך עפעס, זיין תפילין איז אויך חשוב יעדעווארט

וואס ער רעדט צום באשעפער איז חשוב, ער קען אויך נאך ווערן אן ערליכער איד. קומט אויס אז מוהרא"ש האט צוגעלייגט א איינס אויף אזויפיל זעראָ'ס, במילא איז ער א טריליאנער..."

דער ראש ישיבה האט געפרעגט: "ווייסט וויפיל זעראָ'ס סאיז דא אין טריליאן? טראמפ האט אפילו נישט אזויפיל זעראָ'ס וויפיל די מלמדים האבן ארויפגעלייגט אויף דעם בחור..." דער ראש ישיבה האט זייער זיס געמאכט די חשבון וויפיל זעראָ'ס מען דארף אנצוקומען צו טריליאן.

ס'איז געווען דארטן א אינגערמאן פון ארץ ישראל, דער ראש ישיבה דרייט זיך אויס צו אים און פרעגט אים: "אין ארץ ישראל איז דא אזוי פיל זעראָ'ס? איך מיין אז זיי האבן נאכנישט אזויפיל חובות וויפיל אמעריקע האט..."

מיר לאזן זיך נישט פארטרייבן

דער ראש ישיבה האט געזאגט: "אין ארץ ישראל איז דא עובדים, אבער אונז זענען פשוטע אידן, מיר זיצן אינדרויסן און ווארטן צו ווערן ערליכע אידן, אבער מיר וועלן נישט אוועק גיין פון די טיר, מיר וועל מיר נישט אויפגעבן." דער ראש ישיבה האט געזאגט א משל אזוי ווי עס איז דא די אימיגראנטן מענטשן וואס כאפן זיך אריין אין לאנד נישט לעגאל, זיי קומען צוגיין מיט גאנצע משפחות, זיי שטעלן זיך אראפ, זיי ווילן אריין קומען אין לאנד. מען פארטרייבט זיי, איז דא א חלק פון זיי וואס זעען אז מען קען נישט אריין קומען, גייען זיי אוועק, אבער עס איז דא וואס שטייען דארט און זיי רירן זיך נישט אוועק, אפילו מען פארטרייבט זיי, ביז עס קומט עפעס א סענאטאר וואס האט רחמנות אויף זיי, און איז מחליט מען זאל זיי אריינלאזן, די זעלבע אונז מיר זענען פשוט'ע מענטשן, אבער פונעם אייבערשטן וועלן מיר נישט אוועקגיין, מיר לאזן זיך נישט פארטרייבן.

"ווי אזוי האט מען אראפ געווארפן בלעם? דורך די ציץ! וואס שטייט אויף די ציץ? דעם אייבערשטן'ס נאמען! אז א מענטש נעמט אריין דעם אייבערשטן אין זיין לעבן, ער רעדט צום אייבערשטן, ער דאנקט דעם אייבערשטן, פאלט אוועק אלע בלעם'ס, וואס דאס איז אלע טומאת, פחדים, און כישוף."

דער אייבערשטער איז בעל הבית

דער דיין שליט"א איז אויך געקומען צום באטע, דער ראש ישיבה האט אים מכבד געווען צו זיצן.

דער ראש ישיבה האט געטיילט עפל קוגל פאר יעדן, און געמאכט זיכער צו שיקן פאר יעדן עקסטער, און געזאגט יעדן'ס נאמען אפילו פאר די קינדער וואס זענען געקומען. דער ראש ישיבה האט געזאגט פארן דיין שליט"א אז דאס ווערט שוין דערמאנט אין שלחן ערוך 'פשטודא' עס איז אזוי ווי די מן, ס'איז טייג פון אויבן און פון אינטן,

דער ראש ישיבה האט געזאגט פארן דיין שליט"א אז ער האט זייער שיין געשריבן אין קרית ברסלב בלעטל די הלכות פון די ניין טעג, דער ראש ישיבה האט אים געפרעגט: "וואס גייסטו טוען וועגן די שויערס אין מקוה?" וויל דער דיין האט געשריבן אז אין די ניין טעג מעג מען נאר גיין אין שויער ווען ס'איז א צורך און אויך נאר בצנעה. האט דער דיין געזאגט: "דער ראש ישיבה איז בעל הבית." האט דער ראש ישיבה געגעבן א שריי **"איך בין נישט בעל הבית, דער אייבערשטער איז בעל הבית."**

דער ראש ישיבה האט פארציילט פונעם סאטמארער רבי אז ווען דער סאטמארער רבי האט געזאגט שלש סעודות תורה אין זיין קליינע שול, און אפאר מינוט שפעטער האבן שוין אלע צייטונגען געוויסט פונקטליך וואס ער האט געזאגט. ביי איינע פון די מלחמות אין ארץ ישראל האט די צייטונג געשריבן אז דער רבי האט געזאגט אז עס וועט זיין נסים פונעם אייבערשטן.

ס'איז געווען א סאטמארער חסיד (א מלמד אין בארא פארק) וואס איז געגאנגען אין גאס, קומט איינער צו צו אים, און זאגט אים: "האסט געהערט אז דיין רבי האט געזאגט אז דער אייבערשטער מאכט נסים פאר די ציונים." האט דער סאטמערער חסיד געשריגן: "ס'קען נישט זיין אז דער סאטמערע רבי זאל זאגן א זאך קעגן די תורה, און אויב ער האט דאס געזאגט ווער איך יעצט אויס סאטמארער חסיד." מען האט דאס איבערגעזאגט פארן רבי'ן, דער רבי האט זיך מחי' געווען מיט דעם, אז ער זעט אז ער האט טאקע גוט אריינגעלייגט אין די תלמידים, אז דער אייבערשטער איז דער וואס מ'דארף פאלגן, און נישט ווערן נשפע פון קיינעם וואס זאגט עפעס נגד התורה.

א ריכטיגער מנהיג ישראל

דער ראש ישיבה האט דערציילט אז די וואך איז געווען דא איינער וואס איז געווען די כלי ראשון פון די מעשה, ער איז געווען פון ר' יחזקאל שמש'ס ז"ל העלפער'ס, ווען ס'האט אויסגעפעלט אדורך צו פירן א שליחות איז ער געווען גרייט. האט ער פארציילט אז בימים ההם איז די פאליש אין בית המדרש אויף ראדני סטריט געווען זייער נישט מסודר, עס האט אויסגעקוקט דארט ביים דאווענען איום ונורא.

אגב האט דער ראש ישיבה פארציילט אז ער איז געווען אמאל ביַי זיין זיידע אין וויליאמסבורג, ער איז דורכגעגאנגען די פאליש ס'איז אים ממש שלעכט געווארן, ער קומט ארויס פון א בית המדרש ווי מען דאווענט קבלת שבת מיט א °רען מיט א דערהויבענקייט, און דא איין פיס אוועק זעט ער ווי מענטשן זיצן מיט די פיס אויפן טיש און מען קייט פאפיטעס, מען שמועסט הויעך, זיין יונגע מח האט דאס נישט געקענט נעמען.

פארציילט דער איד פארן ראש ישיבה: ויהי היום האבן די גבאים מחליט געווען אז ס'איז נישט קיין תכלית די פאליש זאל אזוי אויסקוקן, האבן זיי אפגעמאכט מען גייט פרעגן דעם רבי'ן צו מען קען אפשפארן די פאליש, דער אינגערמאן האט פארציילט פארן ראש ישיבה אז ר' יחזקאל שמש ז"ל האט אים דאס פארציילט ווי ער איז אריין צום רבי'ן.

דער רבי איז שוין נישט געווען געזונט, מען האט פארגעשטעלט די שאלה, האט דער רבי געפרעגט: "וואס איז נאך די פאליש"? זיי האבן נישט געכאפט וואס דער רבי פרעגט, דער רבי האט איבערגעפרעגט "וואס איז נאך די פאליש"? ביז זיי האבן געכאפט און געזאגט פארן רבי'ן, אז נאך די פאליש איז גארנישט דא, ס'איז די גאס, האט זיך דער רבי אנגערופן: "הַא, אפשפארן די פאליש"? ווי איינער זאגט דו האסט נאך א שאלה? אז עטס שפארטס אפ די פאליש מיינט דאס אז ענק שיקן ארויס די מענטשן צו די גאס, און די גאנצע פלאן איז טאקע בטל געווארן, מען האט ווייטער געלאזט אזוי ווי פריער.

שפעטער האט זיך ארויסגעשטעלט אז אסאך מענטשן פון פאליש האבן אויפגעשטעלט ערליכע שטיבער. דער ראש ישיבה האט אויסגעפירט "דאס איז א מנהיג ישראל".

א פרייליכע סעודה

די סעודה איז געווען זייער פריילער, די לופט איז געווען פריילער, איך ווייס נישט ווי אזוי מען מאכט דאס, אבער דאס ווייס איך אז ווען איך בין ארויסגעקומען פון דארטן האב איך געפילט אז איך וויל טאנצן, איך האב געפרעגט אנדערע וואס זענען דארט געווען צו זיי פילן אויך אזוי? האבן זיי געזאגט אוודאי! שכח אייבערשטער אז איך האב געקענט מיטהאלטן אזא הערליכע שיינע סעודה.

FULL LINE OF FRESH MEAT AND TAKE OUT

סאטמאר פלייש אין
מאנטיסעלאו
שטייט בעז"ה פון היינט און ווייטער
אפן א גאנץ יאר

*Min $50 purchase, or delivery charge

טעגליכע דעליווערי!

ALL OVER THE CATSKILLS*

PHONE ORDERS WELCOME:

845.436.9400

Place your order before 12 for same day delivery

SATMAR SK KASHRUS

ועד השחיטה

OPEN ALL YEAR ROUND

FALLSBURG	WHITE LAKE	LIBERTY	CATSKILLS	BOW	MONTICELLO	KIRYAS YETEV LEV
5239 Main St.	3395 Rt. 55	1885 Rt. 52	Main Number	Call ext. 3	321 E Broadway	78 Main St.
S. Fallsburg, NY 12779	White Lake, NY 12786	Liberty, NY 12754	845.436.9400	For Schdule	Monticello, NY 12701	845.316.9990

סאטמאר
פל"ש
דקהל יטב לב

ד ע ר ה ע כ ס ט ע ר ס ט א נ ד א ר ט א י ן כ ש ר ו ת ה ב ש ר

Deadline to advertise Sunday 12:00 PM

קלאסיפיידס

מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

מו"ה רפאל הכהן כ"ץ הי"ו
וזוגתו אסתר יוטא תחי'

צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

Get care at home.

TELEHEALTH VISITS
WHEN A PHONE CALL IS ENOUGH

We accept most insurance plans

PRESCRIPTION REFILLS | STREP CULTURES | FLU & COVID/ RSV TESTING | SEASONAL ALLERGIES | EAR EXAMS | RASHES/ PINK EYE | URINE CULTURES | LAB-WORK

Medease
CARE AT HOME

718.208.2030

Sun: 12pm-6pm | Mon-Thurs: 3pm-10pm
info@medease.care | medease.care

SERVICING BROOKLYN & CATSKILL AREAS

דירות צו פארדינגען

צו רענטן א דירה פאר יום כיפור
אויף האשקי גאס, אדער שמחת
תורה ביים ירושלים גאס.

רופט 845-774-5616 #204

בית התבשיל

מיט גרויס פרייד טוען מיר מעלדן אז ס'איז שוין דא צו באקומען
אפלעקאציעס פאר די וועכנטליכע שבת ארדערס דעליווערט ביז
אייער טיר, ארויסצוהעלפן אנשי שלומינו ווען ס'פעלט זיך אויס,
ביים שטוב פון ר' יחזקאל סאמעט נ"י.

פאר פראגעס רופט 347-452-1936

פרייליכע נייעס

אי"ה דינסטאג כי תבוא וועט פארקומען
א שאפינג עקספאו פון געשעפטן אין
שטעטל, איינצוקויפן לכבוד יום טוב, אין
בית המדרש עצתו אמונה.

פון 8:00 ביז 10:00 ביינאכט.
קומטס און האטס הנאה.

dominogrp.com

ב"ה

שבת קודש
פרשת כי תצא
תשפ"ד לפ"ק

מרישא ועד גמירא

פלאטפארמע מיטצוהאלטן פארשריט פון ספרי ראש הישיבה שליט"א, ארויסגעגעבן דורך מכון עצתו אמונה

ליקוטי מוהר"ן
עם פירוש שפתי תפתח, סימן ה'
ערשטע פאזע:
1 ניקוד והגהה

עצתו אמונה
חלק א'
עודך!
ערשטע פאזע:
1 הגהה

איש אמונות
תש"פ חלק ב'
ערשטע פאזע:
1 הגהה

מ'קען שוין איינהאנדלען א זכות דורך אונזער מטבע אקאונט: 00124222790
ווי אויך דורך אונזער או-דזשעי-סי אקאונט: 10505

האנדלט אייך איין א זכות אינעם ספר וואס וועט מחי' זיין און מחזק זיין טויזנטער אידישע קינדער צו עבודת ה',
רופט שוין אן ר' ישעי' איידליס הי"ו צו נעמען אייער זכות: 347.831.1391

מחשבה

פ. טראכטער

יענעמ'ס גראז

ליינענדיג די הערליכע ארטיקל פון ל. וועבערמאן "מיט וועם טויש איך פעקל?" (פרשת ראה) האט דאס מיר דערמאנט א מעשה'לע וואס איך האב בייגעוואוינט זייענדיג מיין ערשטע יאר א לערערין.

איך בין אהיימגעקומען די ערשטע טאג פון שולע מיט אן אויפגעהייטערטע שטימונג, עס איז נישט קיין קלייניגקייט, קוים בין איך געזעצן אויף די אנדערע זייט טיש און געהערט און געהערט, אצינד שטיי איך שוין אויף די אנדערע זייט און אנדערע הערן וואס איך זאג.

איך האב זיך אסאך צוגעגרייט פאר אט די ערשטע טאג. איך האב אסאך מתפלל געווען אויף נשיאות חן פוןביידע זייטן, און אויך געטון השתדלות אז די שיעור זאל זיין ציענד און אינטערעסאנט כדי די מיידלעך זאלן "קויפן" וואס איך פארקויף.

איך בין אריין מיט די מחשבה אז איך וועל זיי לערנען, איך האב אבער נישט געטראכט אז שוין דעם ערשטן טאג וועלן מיר מיינע תלמידות אזויפיל לערנען. ווי די משנה זאגט "מכל מלמדי השכלתי, ומתלמידי יותר מכולם."

איך האב געטראכט אז איך וויל רופן די מאמעס פון מיינע תלמידות און זיך באקענען מיט זיי. מיין פלאן איז געווען אז נאך א טאג צוויי ווען איך וועל זיי שוין אביסל באקענען, וועל איך רופן די מאמעס, זיי איבערגעבן א גריס און א גוט ווארט אויף זייער טאכטער און איבערלאזן מיין טעלעפאן נומער אז זיי זאלן מיר קענען רופן. (דאס איז אגב עפעס וואס איך האב געטון אסאך יארן, שפעטער האט עס שוין די מנהלת אריינגעלייגט אלס איינע פון די זאכן וואס ווערן פארלאנגט פון א לערערין, און עס איז געווארן א חלק פון די סיסטעם, אבער אין יענע יארן איז דאס געווען א נייע דערהער. די געדאנק דערפון איז געבוירן געווארן ווען איך האב אמאל געהערט א דרשה פון א מחנך וואס האט געזאגט אז מען קען נישט ארויסנעמען געלט פון באנק אויב מען האט נישט אריינגעלייגט. מען קען נישט אנרופן א מאמע חנוכה צייט מיט טענות, אויב דו האסט נאכנישט "אינוועסטירט" אין די באנק קיין איין גוט ווארט. דו דארפסט צום ערשט האבן א גוטע קשר געבויעט אויף פאזאטיווע זאכן, און דערנאך קען מען "אויסשמועסן" א פראבלעם. דאס איז א געדאנק וואס איז זייער וויכטיג אין די אייגענע לעבן, סיי מיט'ן מאן, מיט די קינדער, געשוויסטער, שכנים און מיט יעדע מענטש. מען קען נישט ארויסנעמען איידער מען האט אריינגעלייגט קעש אין די אקאוינט).

מיין חשבון איז געווען צו רופן די מאמעס מיטוואך אדער דאנערשטאג, אבער רבקי'ס מאמע האט מיר געפעדערט. זי האט מיר גערופן יענעם אווענט.

צום ערשט האב איך זיך דערשראקן, מן הסתם זי רופט שוין מיט טענות (איך האב איר שיעור נישט געוואלט זאגן די אויבנדערמאנטע דרשה).

אבער ניין, רבקי'ס מאמע האט מיר העפליך באגריסט, זי האט מיר אפילו איבערגעגעבן ווארימע גריסן ווי צופרידן איר טאכטער איז.

זי וויל מיר נאר זאגן איין זאך, וואס איז א סוד און זי וויל נישט ח"ו איך זאל רעדן דערפון צו אנדערע, אבער זייענדיג רבקי'ס לערערין מוז זי מיר זאגן אז רבקי ליידט ר"ל פון דייעביטיס און דערפאר וועט זי צומאל דארפן ארויסגיין פון קלאס, אויב איר צוקער פאלט צו נידריג. זי וויל מיר דעריבער בעטן פארשטענדעניש. "אבער" האט זי ווידער באטאנט, "האלט די אינפארמאציע פריוואט. אפילו איר נאנטסטע חבר'טע שיינדי ווייסט נישט דערפון."

איך האב פארזיכערט די מאמע אז איך וועל חלילה נישט דערציילן די פריוואטע אינפארמאציע פאר קיינעם (איך האב אצינד אויך געטוישט איינצלהייטן).

איך האב אראפגעלייגט די טרייבל און מיין יונגע מח האט דאס געדארפט אקצעפטירן. עס איז געווען שכח אייבערשטער א נייע דערהער פאר מיר.

עס איז אבער נישט אדורך מער ווי געציילטע מינוטן און די טעלעפאן האט זיך ווידער צוקלינגען, נאך איינער וויל רעדן צו די לערערין.

"א גוטן, דא רעדט שיינדי'ס מאמע." האט א פרוי זיך פארגעשטעלט. אויך זי וויל זיך באדאנקען אז איר טאכטער איז ב"ה אהיימגעקומען אזוי צופרידן און אזוי פריילִיך. איך האב איינגעהאלטן מיין אטעם, אפשר קומט אן "אבער", און עס האט טאקע נישט פארשפעטיגט צו קומען. "אבער, איך וויל עפעס מיטטיילן מיט אייך, ווייל איר זענט די לערערין פון שיינדי."

איך האב געווארט. זי דערציילט מיר בסוד סודות אז שיינדי ליידט פון.... יא, איר האט צוגעטראפן, דייעביטיס. "אבער איך בעט אייך" זאגט מיר די מאמע, מיט א טאן וואס איך האב נארוואס געהערט... "דאס איז א סוד און מיר ווילן נישט קיינער זאל וויסן..." און יא זי זאגט מיר די זעלבע ווערטער, "אפילו איר נאנטע חבר'טע רבקי ווייסט נישט דערפון."

איך האב פארזיכערט פאר די מאמע אז אלעס וועט בעז"ה זיין מסודר, און מיט א פאר'חלומ'טע שטומע האב איך אראפגעלייגט די טרייבל.

מיין מח איז געווען טיף פארטראכט. דאס איז א מעשה וואס מאכט זיך נישט יעדן טאג (און נישט יעדע יאר...) און דאס האט מיר געלערנט א שטארקע נקודה אין לעבן.

איך האב געטראכט פון רבקי, איך האב געטראכט ווי זי איז מקנא שיינדי ווי אלעס גייט איר כסדר און זי ווייסט נישט וואס "אמת'ע לעבן" מיינט.

און איך האב געטראכט פון שיינדי, וואס איז געוויס מקנא רבקי וואס איז אזוי זארגלאז און ווייסט נישט וואס עס מיינט צו לעבן מיט דייעביטיס...

און איך האב געטראכט פון מיר און פון דיר, ווי מיר זענען אלע מקנא איינער דעם צווייטן און "אלץ דאכט זיך אז ביי יענעם לאכט זיך..."

דער רבי האט אמאל געזאגט, "אפשר אויף יענע וועלט איז דא א וועלט וואס הייסט עולם הזה, אבער דא אויף אונזער עולם איז עס נישטא."

רבי נתן האט געזאגט, "נישטא וועמען צו מקנא זיין. אויב מקנא זיין איז נאר דעם ערליכן איד."

און דאך, אבער דאך טרעפט מען זיך קוקן ביי יענעם און מקנא זיין.

ווען איך שמועס צומאל מיט יונגע מיידלעך און מען שמועסט אז יעדער איינער גייט אריבער זיין פעקעלע נסיונות, איינער פריער און איינער שפעטער, קענען זיי עס נישט אלע נעמען. און זיי טענה'ן "נישט אמת, איך ווייס איינער וואס איך ווייס פאר א פאקט אז אלעס גייט אים גוט."

און איך שמייכל צו זיך שטילערהייט... נו, נו, דער לעבן וועט איר נאך לערנען.

ווען איך דערצייל זיי אט די געשיכטע'לע ווילן זיי וויסן אויב עס איז אמת. "און פארוואס נישט?" וויל איך פארשטיין. דו גייסט נישט עפעס איבער? "יא, זאגט יעדער באזונדער, אבער זי נישט!"

אזוי איז עס. מיר טראגן אונזערע פעקלעך נסיונות באהאלטן אין קעשענע.

איך האב א חבר'טע וואס האט נישט זוכה געווען אויפצושטעלן איר אייגענע שטוב ביז די 30 יאר. ווען אלע קלאס חבר'טעס האבן שוין געטראגן די דריטע אינגעלע אין חדר האט זי געענדיגט שבע ברכות.

איך האב אבער אלעמאל באוואונדערט וויאזוי זי האט זיך די גאנצע תקופה ארומגעדרייט מיט א שמייכל און אזא שטארקע אמונה. איינמאל האב איך זיך אנגעגארטלט מיט קוראזש און איר אפן געפרעגט: "וויאזוי דערהאלסטו זיך אזוי' שיין?"

האט זי מיר געענטפערט מיט א פשטות: "הער מיך צו. איך וויל דיך פרעגן די זעלבע קשיא." איך האב געהויבן מיינע ברעמען מיט וואונדער. מיין לעבן איז געפארן "פאררהעלמעסיג רואיג..." און זי האט מיר מסביר געווען: "יעדער גייט אריבער ביטער שווערע נסיונות, דאס איז דאך די תכלית פון די וועלט, אריבערגיין נסיונות וואס ברענגען אונז נענטער צום טאטן, דיינע נסיונות - איז זי מיר מסביר - ליגן שיין פארפאקט אין דיין טאשקע און קיינער ווייסט נישט דערפון, מיינע נסיונות שטייען פשוט מיט קידוש לבנה אותיות אויף מיין שטערן."

אוי, איז זי געווען גערעכט. יעדער גייט איבער וואס עס גייט איבער. איינעם'ס נסיונות זענען מער אנזעעבאר, אבער רוב פון אונזערע פעקלעך ליגן באהאלטן שטיל און איינזאם אין אונזער הארץ.

א חבר'טע האט זיך אויסגעדרוקט צו מיר אז זי וויל ווערן א גראז שניידער. צו מיין גרויס וואונדער פארוואס עס ציט איר אזא אינטערעסאנטע פאסטן האט זי מיר ערקלערט אז זי מוז זיך איבערצייגן אז "יענעם'ס גראז איז טאקע נישט גרינער...!!"

אוי, ווי גוט אז מיר ווייסן פון די ליכטיגע עצה פון התבודדות, פון מאכן א טערעפי סעשאן מיט'ן אייבערשטן און אים אויסדערציילן די גאנצע הארץ און ווייטאג, די טראומא און די פעין, די יוגנט און די אנגסט פאר'ן עתיד.

דער ראש ישיבה האט לעצטנס נאכגעזאגט אז דער חפץ חיים האט געזאגט אז יעדע נייע ערפינדונג איז דא אונז צו ווייזן א דמות פון כביכול דעם באשעפער. צום ביישפיל אן "איי" דערמאנט אונז "עין רואה" דער קאמפיוטער (אדער עי- איי) דערמאנט אונז אז "וכל מעשיך בספר נכתבים" אלעס ווערט פארשריבן. די אינטערקאם, "אוזן שמעת" אן אויער וואס הערט... און אזוי ווייטער.

האט דער ראש ישיבה צוגעלייגט אז דאס וואס עס איז היינט א וועלט מיט אזויפיל טערעפיסטן, וועקט אונז אויך אויף צו אונזער גרויסע אייביגער טערעפיסט און דערמאנט אונז אז אונזער טאטע ווארט צו הערן אונזער "פעין". ער וויל הערן וואס עס גייט איבער אויף אונז, אונזער זארג און אונזער דאגה, אונזערע פחדים און אונזער "פעסט"...

ניין שוועסטער, ביי מיר איז נישט בעסער. נאר ווען איך נעם אריין די מעדעצין פון אמונה און די פרא-בייאטיק פון התבודדות, אינאיינעם מיט די סאפלעמענט פון תודה והודאה, דאן ווערט מיר בעסער.

ווייל די וועלט איז אן "עולם הפרוזדור" א דורכגאנג, און אויב דו האסט שוין אמאל פראבירט אריבערצוגיין א דורכגאנג, ווייסטו אז דאס איז נישט די ציל, נאר די מיטל, און די דורכגאנג איז נישט דוקא באצירט מיט הענג-לייכטער און בריליאנטן.

אזוי אויך, דאס לעבן דא, איז א מיטל, נישט א ציל. דאס לעבן איז א דורכגאנג וואס לוינט אדורכצושוויצן כדאי אנצוקומען צום ליכטיגן "יום שכולו טוב" דארט אויף יענע וועלט איז ליכטיג און גוט פאר'ן איד וואס האט זיך דערהאלטן אויף די וועלט.

ווייל דער עיקר איז "מה שקורין 'דערהאלטן זיך'.

און ווי דער רבי האט געזאגט אז דער אייבערשטער האט ליב א געפרעגלטן איד!

ש.ל. פליישמאן

שיינער אין גראמען

צו הערן די טעלעפאן שיעור רופט

212-444-9169 1-2-170

(א"י- 079-70- 400-69)

די ווייסע bug

ר' נחמן טולטשינער זצ"ל פארט מיט יאסל פאראנטשיק אין גאס,

שמועסט און ווערט פול מיט חלישות הדעת.

ער פאלט פאר אים, און ווערט פארבלענדט,

אבוינס! יאסל האט נאך דעם רבי'ן געקענט!

דער הייליגער ר' נתן טוט זיינע קטנות'ן צונעמען,

דו האסט נישט פאר יאסל מיט וואס זיך צו שעמען.

ער האט נישט **געקענט**, נאר **געזעהן** דעם רבי'ן

דו טוסט זיך מיטן רבי'ן נאנט צוקלעבן...

דער ראש ישיבה האט ארויסגעברענגט פון אט די מעשה:

עס קען זיך ארייכאפן אין יעדן א bug א ווייסע..

עס פילט זיך velvet און silky א שיינע בחינה,

ווען מען ווערט אויפגעגעסן פון רוחניות'דיגע קנאה...

אז יענער איז שוין מקורב פון מוהרא"ש'ס צייטן,

פארוואס זאלסטו זיך מבלבל זיין פון א צווייטן?

נישט לויט דעם מעסט מען צו מקורב דו ביסט,

וויפל מאל דעם רבי'ן דו באגריסט און שמועסט.

ווייל זי איז נאך פון די ערשטע תלמידות...

מיינט נישט זי איז מער היכל הקדוש חסידות.

ביסט פון די גאר נאנטע ווילסטו זיך גרויסן,

ווער עס איז היכל הקדוש זעט מען נישט אן פונדרויסן.

היכל הקודש איז התבודדות ותפילה,

צום באשעפער א ווארט און נאך איינס מלה במלה.

און ווי מער התבודדות ותפילה דו טוסט,

אלץ מער מקורב צום רבי'ן דו ביסט!

ליל שישי נאך מוהרא"ש'ס שיעור,

דער ראש ישיבה גייט גלייך ארויס צום טיר.

נאכקוקן ווער עס איז פון די נאנטע פרייַנט???

איך קוק וואס איך באקום אין די האנט!

קענסט אויף דעם אליינס מאכן א תחינה:

"באשעפער, ראטעווע מיך פון די 'ווייסע' bug קנאה.

יענעמ'ס גדלות זאל מיך נישט צוקלאפן,

העלף מיר קוקן וואס איך קען פאר מיר אריינכאפן"...

ל. וועבערמאן

א באַד אין

פיַש זאפט!

גאנץ א גרויסע חלק פון די טאג איז שוין אריבער, אבער עס זעט בכלל נישט אויס ווי ס'דא א פלאן פון זיך ענדיגן. די זון איז שוין לאנג אראפגעפארן אונטער דיביימער, און עס זעט זיך אויפן הימל פול מיט שטערנס. אבער חי' פערי קען נאכנישט טרעפן איר רואיגע מינוט, יעדע מינוט וויינט א צווייטער פאר עפעס א צווייטע זאך.

די צוויי יעריגע וויינט און פארפירט, ער פילט נישט גוט, זיין סדר היום איז פארדרייט. די 9 חדשים'דיגע שיינדעלע קריכט ארום זוכנדיג מיט איר כיטערע אויגעלעך וואו מען קען אריינכאפן צו איבערדרייען.

חי פערי'ס אויסגענוצטעביינער בעטן זיך פאר אביסל רוה, אבער זי קען עס נישט באווייזן. זי פראבירט זיך צאמנעמען צו טראכטן וואס איז די וויכטיגסטע. לאמיר זען וואס מאכט דא אלעס אויסזען צומישט? "באשעפער העלף מיר זיך קענען צאמנעמען." נאך א קורצע שמועס מיטן אייבערשטן און א טיפע אטעם אריין און ארויס, האט שוין חי' פערי איר סדר.

ברוך השם רוב קינדער שלאפן שוין, נאר די קליינע שיינדעלע קריכט נאך ארום. מען וועט קודם אויפוואשן די קלעבעדיגע קאך וואס קען זיכער נישט ווארטן ביז מארגן, נאכדעם וועט זי עסן פון די פארגעסענע טעלער נאכטמאל וואס זי האט זיך אנגעגרייט, אפשר וועט איר מח אביסל צוריקקומען צו קענען ווייטער בעטן דעם אייבערשטן וואס צו טון נעקסט.

שכח אייבערשטער, שטייטלעך און צוביסלעך, זי פאלגט אויס איר ליסטע און עס הייבט זיך אן אנצוזען אז די טאג גייט זיך ענדיגן. יעצט וועט חי' פערי אפוואשן די הענטלעך און פנים פון שיינדעלע - זי זעט אז די באדן מוז זי אויסלאזן, מ'וועט איר אנטון פרישע פידזשאמעלעך, און פראבירן צו איינשלעפן.

נאכן אנטון שיינדי צום שלאפן, פילט שוין חי' פערי כמעט פריי, זי וועט שוין אט אט זיך קענען מאכן גרייט צום שלאפן און לאזן איר קוים דינענדע אברים זיך chargen פאר אפאר שעה.

חי' פערי לייגט נאר אפאר שיינדי אויף די ערד אין קאך, נאר פאר אפאר מינוט צו ענדיגן אוועקפאקן די איבריגע עסן, און נאכדעם וועט מען איר איינשלעפן. חי' פערי געבט א הייב אויף א קאנטעינער פיש זאפט וואס זי האט געמיינט אז די דעקל איז געווען צוגעמאכט און עס געבט זיך א גיס אויס! אוי באשעפער! שוין, מען וועט עס אפווישן, אלעס איז דער אייבערשטער...

אבער איין מינוט וואס טרעפט זי דא ווען זי קומט צוריק מיט די מאפ אין די הענט??? שיינדי האט געטראפן די קעבינעט אין א שעת הקושר - די שלאס איז געווען אפן. זי זיצט יעצט אין א send box פון cleanser (א זייף צו וואשן געשיר וואס איז געמאכט מיט בליטש).

ווען שיינדי זעט אז מען האט איר געכאפט ביי די מעשה, געבט זי א קוויטש פון גרויס געלעכטער און זי הייבט אן שנעל אוועקצוקריכן ווי שנעל אירע הענטלעך און פיסלעך קענען איר טראגן, און זי גיבט זיך א פיינע גליטש אריין אין די פיש זאפט.

...דאס אלעס קומט פאר אויף די פלאר וואס מען האט פריש געוואשן מיט די לעצטע ביסל טייערע כח...

חי פערי איז זיכער אז דא איז די עק וועלט' עס קען שוין נישט גיין מער. "באשעפער וואס טו איך דא איך קען נישט מער." זאל זי לאכן אדער וויינען? זאל זי פאלן פון די כוחות? אדער מען קען נאך ארויסקוועטשן א טראפעלע כח?

צופיל צייט צו לאכן אדער וויינען איז נישטא, ווייל שיינדי האלט שוין ביי די נעקסטע זאך, מיט איר פידזשאמע פון פיש זאפט און cleanser האט זי מצליח געווען זיך ארויסצושארן פון קאך ווי זי האט געטראפן ביי די אנדערע עק הויז א קליינע שטיקל פון א געים וואס זי גיבט א כאפ אריין אין איר מויל, און חי' פערי דארף שנעל לויפן עס ארויסכאפן נאך פאר שיינדי שטיקט זיך אויף דעם.

די באבע זאגט: "שיינדעלע איז קעניינעהארע זייער א קלוגע."

די שוויגער האלט אז שיינדעלע'ס חכמה'לעך איז פונקט געראטן אין אירע נאטורן.

די מומע זעט אין שיינדעלע'ס טיפע שווארצע אויגעלעך אז ס'וועט פון איר אויסוואקסן שיינע זאכן.

אבער פערי שטייט יעצט דא איינער אליין, וואס זאל זי זען? וואס זאל זי האלטן? און וואס זאל זי זאגן?

זי זעט גארנישט אויסער שטערנ'ס! זי האלט אז ס'איז זיכער א סימן פון הימל אז מ'פארט נישט! און איין זאך קען פערי זאגן אז זי שפירט שוין ווי זי דערטרינקט זיך, ממש ווי אין די מעשה פון דער רב און בן יחיד פון מעשה ח' אין סיפורי מעשיות וואס זיי האבן געמאכט א פראבע. דער רב האט צוליב געטון זיין בן יחיד און געפארן צום רבי'ן, אויפן וועג האט זיך די בריק צובראכן און זיי זענען אריינגעפאלן אין וואסער ממש ביזן זיך דערטרינקען.

דא האלט פערי ממש ביי די דורכגעפאלענע פראבע ווי די וואסער קומט אן ביז די נאז און זי דערטרענקט זיך כמעט.

וואס מיינט איר ווען געשעט אזעלכע סארט מעשיות? דאס אלעס האט פאסירט ווען חי' פערי'ס מאן איז די ערשטע מאל געפארן אין אומאן. פערי האט שוין כמעט געוואלט טראכטן אז ס'איז טאקע נישט געווען א גוטע move צו לאזן איר מאן פארן. אירע אלע נאנטע משפחה האבן איר געווארנט פון פארדעם אז מען טאר נישט און ס'קומט איר אריין מחשבות "אפשר איז עס אמת?"

אבער איין מינוט! אויב דער רב און בן יחיד זענען געווארן באפאלן פון דעם ס"מ ווען זיי האבן געוואלט קומען צום ריכטיגן צדיק, אפשר בין איך געווארן באפאלן פון דער זעלבער ס"מ, ער גייט נאך אן, און ער ציטערט מיין מאן זאל קומען צו זיין תכלית. ער קען באשטיין אלעס זאל געשען אויסער די איין זאך פון פארן צום רבי'ן. עס איז אלעס א פארבלענדעניש צו מאכן די מצב אויסזען זייער שווארץ, טונקל, און שרעקעדיג.

ס'מוז זיין אז חי' פערי'ס טאג האט זיך אמאל געענדיגט ווייל יעדע שעה האט נאר 60 מינוט - זאל זיין די שווערסטע שעה - קומט א צייט ווען עס ענדיגט זיך.

צום סוף האט די שלאף אריינגעשלעפט די מידע מאמע אונטער זיינע פליגלען און איר געמאכט פאר א שטיקל נייע מענטש...

מיט באנייטע כוחות איז פערי אויפגעשטאנען.

היינט וועט זי צוזאמען מיט די קינדער נעמען שטעקענעס און אנהאקן יעדע ביין פונעם ס"מ ביז ער וועט ווערן אויס. מ'האט אנגעצינדן אויף די העכסטע די אלבום פון דער ראש ישיבה, וואס איז פול מיט חיזוק אין אמונה, עס האט געדונערט.

אלע קינדערלעך האבן זיך גענומען טאנצן און קלאפן אזוי לאנג ביז די שטארקע מאמע - פערי איז שוין גארנישט אנגעגאנגען. זי האט געשפירט אז זי וויל גארנישט, זי ווייסט גארנישט, און זי דארף גארנישט.

זי ווייסט נאר איין זאך אז זי קען זיין פרייליך אז איר מאן איז געפארן קיין אומאן, פון דא און ווייטער מאכט שוין גארנישט אויס - ווען די קינדער האבן מיט זייערע אויגעלעך ארויפגעקוקט צו זייער מאמע און געזען אז זי איז שטארק, רואיג און פריילעך, האבן זיי שוין אויך גארנישט געדארפט.

אז די מאמע איז געווען אויפגעלייגט האט זי שוין אויפגעהויבן א טעלעפאן צו איר ברודער וואס זי ווייסט אז ער איז מחשיב די וואס פארן אויף אומאן, און זי האט אים געפרעגט צו זי קען איינשטין ביי אים. ווען זי האט באקומען א פאזעטיווע ענטפער האט זי באקומען א פלייץ פון כח און אנגעהויבן דאנקן דעם אייבערשטן בשעת זי הייבט זיך אן צאמפאקן. פון דא און ווייטער ביז די מענער זענען צוריקגעקומען פון אומאן האט די פרייליכע פערי נאר געשמועסט מיט מענטשן וואס וועלן איר געבן חיזוק ווערטער און נישט ח"ו פארקערט.

זי קען זיך יעצט נישט ערלויבן צו הערן סיי וועלכע קרום אדער טענה'ריי פון איינער וואס האלט אנדערש. זי איז יעצט נאר פרייליך, פרייליך, און נאכאמאל פרייליך, ווייל זי האט טאקע מיט וואס צו זיין פרייליך ווייל דער רבי זארגט זיך פאר איר צו ווערן אנגעשריבן א זיסע יאר!

זאל דער אייבערשטער אונז אלע אריינשרייבן אין די ספר פון לעבן, און מיר זאלן האבן א זיסע געבענטשטע יאר.

בית פיגא

א געבאקענע מעשה

ש. טראכטער

ווען רייזי רופט איז אלעמאל א שמחה אין שטוב. רייזי גרינשטיין איז אסתי גרינשטיין'ס בעסטע חבר'טע, צו די צופרידנהייט פון אלע צדדים. נישט נאר זענען זיי חבר'טעס, נאר אויך ערשטע קאזינ'ס, און דאס מאכט זיי געקניפט און געבינדן. וואס קען טאקע זיין בעסער ווי צו האבן די בעסטע חבר'טע ביי יעדע משפחה חתונה, יעדע שבת ביי די באבע, און יעדן צווייטן טאג ווען מען בעיביסיט ביי די מומעס? און וואס קען זיין בעסער ווי צו האבן דיין נאנטע קוזין אין דיין קלאס, און קענען חזר'ן מיט איר כסדר און אויסשמועסן אלע נייעס פון סקול?

רייזי און אסתי זענען כסדר געווארן נענטער צווישן זיך. זיי האבן זיך זעלטן געקריגט. "ממש שוועסטערס", פלעגט מען זיך אויסדרוקן אויף זיי, און זיי האבן זיך טאקע געשפירט אזוי.

זייער אפט פלעגן זיי זיך רופן איינער דעם צווייטן צו קומען בעיביסיטן, און זייערע עלטערן האבן על פי רוב נישט געהאט קיין פראבלעם דערמיט.

אויך היינט ווען רייזי האט גערופן אסתי פרעגן אויב זי קען קומען מיט איר בעיביסיטן, האט אסתי'ס מאמע גלייך מסכים געווען.

"אה, רייזי," האט אסתי זיך דערמאנט פאר'ן אראפלייגן, "איך וועל מיטברענגען מיין נייע גאלדענע רינגל, וואס מיין באבע האט מיר געקויפט פאר מיין בת מצוה."

אביסל שפעטער האט רייזי צוריקגערופן און געבעטן צו רעדן צו אסתי.

"אסתי קוק אהער," האט זי געזאגט פאר איר קוזין, שפירנדיג זיך אביסל אומבאקוועם, "עס האבן זיך לעצטנס אריינגעצויגן א נייע משפחה נעבן אונז, זיי האבן א מיידל בערך אין אונזער עלטער, אבער צוליב געוויסע פראבלעמען דארף זי גיין אין א יונגערע קלאס. איך פראביר צו זיין העפליך צו איר." רייזי האט זיך אפגעשטעלט כאפן דעם אטעם און אסתי האט נישט געוואוסט ווי רייזי צילט.

"נו?" האט זי איבערגעהאקט איר קאזין.

"בקיצור זי איז יעצט אריינגעקומען, און מיר געפרעגט אויב זי קען קומען פארברענגען, האב איך איר איינגעלאדנט צו בעיביסיטן מיט מיר, איך מיין מיט דיר, פארשטייט זיך." האט רייזי צוגעענדיגט.

אסתי האט נישט פארשטאנען די גאנצע עסק, "אוודאי, נאר וואס דען? וואס איז די שאלה?"

רייזי האט זיך געפריידט מיט איר קאזינ'ס רעאקציע.

"פיין, כ'האב נאר געמיינט אז אפשר וועט עס שטערן אונזער פריוואטקייט..."

"רייזי, דו באליידיגסט מיר." האט אסתי זיך געוויצלט.

ווען אסתי איז אנגעקומען צו רייזי שפעטער איז שוין די שכנ'טע רחל ליבא דארט געווען. אסתי האט איר שיין באגריסט און זיך נאכגעפרעגט וויאזוי סקול גייט.

רחל ליבא האט געהאט אביסל שווערקייטן זיך אויסצודרוקן, און די ווערטער זענען נישט ארויס אזוי קלאר, אזוי אז עס איז געווען אביסל שווער צו פארשטיין.

די צוויי קאזינ'ס אבער, האבן איר שיין אויפגענומען און געמאכט שפירן באקוועם.

"נו, וואס טוט מען היינט?" האט אסתי געפרעגט מיט שפאנונג.

די צוויי קאזינ'ס פלעגן ליב האבן צו פארברענגען די צייט בשעת'ן בעיביסיטן מיט עפעס מער אינטרעסאנט ווי סתם שמועסן.

"אפשר באקן מיר א קעיק?" האט רייזי פארשלאגן.

געזאגט און געטוען... די צוויי מיידלעך האבן פלינק געמישט אין די רעצעפט ביכער זיכענדיג א פאסיגע קעיק, וואס איז סיי גרינג און סיי געשמאק.

אויך רחל ליבא איז געווען א חלק פון די אקציע און זי האט ארויסגענומען די צוגעהער, ווי די מעל, צוקער און אייער.

דאן האט זיך אסתי דערמאנט, "אוי, רייזי, איך האב דיר געוואלט ווייזן מיין רינגל." און מיט א דראמאטישע דריי מיט'ן פינגער האט זיך ערצייגט די הערליכע בליטשקעדיגע נייע רינגל פון אסתי.

רייזי אינאיינעם מיט רחל ליבא האבן דאס באטראכט מיט שטוינונג.

"דאס איז אן עכטע שיינע שטיקל." האט רייזי זיך אנגערופן, בשעת זי באטראכט די רינגל.

אויך רחל ליבא איז געווען איבערראשט, "איך האב אזוי ליב צירונג און איך פארשטיי צו א שיין שטיקל, דאס איז עפעס אויסנאם הערליך."

זי האט גענומען די רינגל פון אסתי און עס אנגעטוען אויף איר פינגער, זי האט באטראכט פון אלע זייטן מיט א קענטיגע התפעלות, דערנאך האט זי צוריקגעגעבן די רינגל פאר אסתי און איר געוואונטשן אז זי זאל עס נוצן געזינטערהייט.

אסתי האט איבערגענומען די רינגל און עס אראפגעלייגט אויפ'ן קאונטער. זי האט נישט געוואלט אז עס זאל שמוציג ווערן בשעת זיי באקן.

די מיידלעך האבן אנגענעם פארברענגט, איינער האט געגאסן די מעל און איינער האט געקראכט די אייער, זיי האבן געלאכט און געזינגען און פארברענגט געשמאק.

ווען די קעיק איז אריין אין אויוון האבן די מיידלעך עס באטראכט יעדע פאר מינוט צו זען אויב עס וואקסט שיין. "עס איז מיין קרעדיט, איך האב אריינגעלייגט די אייער," האט אסתי געלאכט.

"וואס עפעס?" האט רייזי זיך 'גע'טענה'ט, "די מעל איז א קלייניגקייט? איך האב געגאסן די מעל, וואס איז א קעיק אן מעל? אייערשפייז!"

די מיידלעך האבן געלאכט, רחל ליבא האט אויך מיטגעלאכט אבער נישט צוגעגעבן די שמועס, עס האט אויסגעזען אז זי ווערט שוין מיד.

"שוין, כ'בין מיד, כ'מיין אז כ'וועל גיין. וועסט מיר געבן א שטיקל פון די קעיק מארגן. יא?"

"זיכער," האט רייזי באשטעטיגט, "יישר כח פאר'ן קומען. א גוטע נאכט."

רחל ליבא איז ארויס און די צוויי קאזינ'ס זענען געבליבן אליינס מיט די שמוץ.

"לאמיר אויפרוימען איידער דיין מאמע קומט אהיים, זי וועט זיך נישט אזוי פרייען צו די חורבן דא."

רייזי און אסתי האבן זיך פלינק גענומען צום עבודה און אויפגערוימט די קאך געשיקטערהייט. ווי נאר זיי האבן אוועקגעלייגט די ווינדעקס און די שמאטעס האט זיך אסתי דערמאנט...

זי האט א קוק געטוען אויפ'ן קאונטער און עס איז איר געווארן שווארץ פאר די אויגן.

די רינגל.

עס איז נישטא.....

זי האט געעפנט איר מויל אבער פון שרעק האט זי נישט געקענט ארויסברענגען א ווארט.

"וואס האט פאסירט?" האט זיך רייזי דערשראקן.

אסתי האט נישט געקעט ענטפערן, זי האט נאר געוויזן אויף איר ליידיגע פינגער.

"דיין רינגל?!" האט רייזי געפרעגט העכסט דערשראקן.

אסתי האט געשאקלט מיט'ן קאפ צו באשטעטיגן.

"עס מוז זיין ערגעץ דא." האט רייזי געזאגט מיט א זיכערקייט. זי האט אנגעהויבן זוכן אויף די ערד און אינעם סינק. אירע ליפן האבן געמורמלט א קורצע תפילה און זי איז געגאנגען לייגן אפאר פרוטות אין פושקע.

אסתי איז געזעצן אויף א בענקל צו שוואך ארויסצוהעלפן. קליינע טרערן האבן זיך באוויזן אין אירע אויגן. "וואו קען עס זיין?" האט זי שטיל געפרעגט צו די פיר ווענט.

זי האט נישט געקענט טראכטן אהיימצוגיין אן איר נייע רינגל. וואס וועלן אירע עלטערן קלערן איבער איר? אזוי אומ'אחריות'דיג צו זיין? א צוועלף יעריג מיידל? און זי האט עס אזוי ליב געהאט... קוים דריי טעג אלט און שוין פארלוירן?

אסתי האט זיך אויפגעגעסן דאס געזונט, אין די צייט וואס רייזי קריכט אויף אלע פיר אונטער'ן גאנצן קאך און געפונט עס נישט.

"אסתי," האט רייזי געזאגט מיט א שטילע קול, "דו ווייסט וואס איך טראכט?"

"יא." האט אסתי געענטפערט נאך שטילער, "אז אפשר האט עס רחל ליבא...."

זי האט נישט געענדיגט די זאץ אבער עס האט נישט אויסגעפעלט. זיי האבן ביידע געטראכט די זעלבע מחשבה.

אפשר האט עס רחל ליבא גענומען. "אבער מען טאר נישט חושד זיין" האט רייזי פראבירט צו זאגן.

"איך ווייס" האט אסתי מסכים געווען, "אבער וואו קען עס זיין? זי האט עס אזוי ליב געהאט."

"און זי האט א געשמאק צו שיינע זאכן, אזוי האט זי געזאגט."

"און זי איז פלוצלינג געווארן מיד און שטיל."

"און זי איז אהיים."

"און די רינגל איז פארשוואונדן."

די צוויי קאזינ'ס זענען געזעצן שטיל איינע קעגן די צווייטע, זיי האבן געוואוסט אז זיי טוען עפעס נישט ריכטיג, דאס איז געווען רעכט לשון הרע און פונקט פארקערט פון הוי דן את כל אדם לכף זכות, די יצר הרע האט זיך אבער געשטארקט און זיי האבן זיך נישט געקענט גובר זיין.

"די גניבה האט צופיל סימנים" האט רייזי שטיל געזאגט.

אסתי האט צוגעשטומט. "אבער וויאזוי באקום איך עס צוריק?"

נאך איידער די מיידלעך האבן געהאט צייט צו טראכטן פון עצות האט זיך געהערט פיסטריט ביים טיר.

"א גוטן אווענט" האט די מומע באגריסט, "עס שמעקט אזוי פיין דא."

די מיידלעך האבן פראבירט צו שמייכלען, אבער ווייזט אויס אז עס איז זיי נישט געלונגען, ווייל די מומע האט גלייך אויפגעכאפט וואס דא גייט פאר.

"אלעס איז אין ארדענונג?" האט זי באזארגט געפרעגט.

"כמעט" האט רייזי געזאגט, און דאן האט זי פארציילט פאר איר מאמע די מעשה מיט די רינגל.

די מומע האט אויסגעהערט די מעשה און זיך פארטראכט. "איך הער, אבער איר האט נישט קיין באוויז אז זי האט עס גענומען, אלע זאכן וואס איר האט מיר געזאגט זענען נאר געפילן."

אסתי און רייזי האט איר אנגעקוקט דערשראקן, פרישע טרערן האבן זיך באוויזן אין אסתי'ס אויגן.

די מומע האט ווייטער גערעדט, "מיר זענען מחיוב צו דן זיין יעדע איד צום גוטן אפילו ווען מען קען נישט טראכטן וויאזוי, איך בין נישט חושד אן ערליכע איד אין גניבה, יעדער ווייסט די הארבקייט דערפון."

"איז... וואו ליגט מיין רינגל?" האט אסתי געפרעגט צווישן אירע טרערן.

"איך ווייס נישט, אבער איך בין זיכער אז די אמת וועט נאך ארויפשווימען."

די מומע האט גערעדט מיט אזא זיכערקייט אז אסתי האט זיך אביסל בארואיגט. אין איר הארץ האט נאך גענעסטיגט א חשד אויף רחל ליבא אבער זי האט דאס פאר קיינעם נישט דערציילט.

שבת נאכמיטאג איז אסתי אריבער פארברענגען ביי רייזי אינדערהיים. די ווייטאג פון די פארלוירענע רינגל איז נאך געווען זייער פריש.

"איך בין אריבער רחל ליבא'ס הויז, און איך האב זיך נישט געקענט העלפן. איך האב געשפירט אזוי... ברוגז אויף איר."

רייזיי האט געקוקט מיט מיטלייד צו איר קאזין. זי האט אויך געשפירט אזוי, אפילו עס איז נישט געווען איר רינגל.

"דיין מאמע זאגט אז מען דארף דן זיין צום גוטן, מען טאר נישט חושד זיין. וואס זאל איך טון? איך קען נישט. אקעי, איך בין איר דן לכף זכות אז זיי האבן נישט קיין געלט און עס האט זיך איר פארשמעקט א רינגל..." אסתי האט געשמייכלט מיט ביטערניש.

"האסט אן אנדערע בייפאל? וואו קען מיין רינגל זיין?"

"איך ווייס נישט" האט רייזי מודה געווען, "אה.... אפשר אין גארביטש?"

אסתי איז געווארן אנגעהיצט, "אין גארביטש? ניין! וויאזוי זאל עס דארט אנקומען? עס קען בשום אופן נישט זיין!!"

רייזי האט געזען אז אסתי איז נאך זייער צוקלאפט דערפון האט זי דעריבער פראבירט צו פארדרייען די שמועס.

"ווילסט קומען צו באבי?"

"ניין!"

"ווילסט קומען אויף א שפאציר?"

"מיט וועמען? צו וועמען? צו רחל ליבא?"

"אוי, זיי נישט אזוי פארביטערט, עס איז דיר באשערט די אפקומעניש און נעם עס אן לייכט, עס וועט ממילא נישט טוישן די מצב. און אויב דער באשעפער וויל וועסטו עס נאך צוריקבאקומען."

אסתי האט טיף איינגעאטעמט, איר קאזין איז גערעכט, "גם זו לטובה" האט זי שטיל געזאגט.

רייזי האט זיך געפריידט אז איר קאזין האט זיך בארואיגט.

"אסתי, דו האסט נאכנישט טועם געווען פון אונזער קעיק, עס איז ספעציעל."

רייזי איז צוגעגאנגען צו די פריזער און ארויסגענומען די קעיק פון דארט, דערנאך האט זי ארויסגענומען א מעסער און געוואלט אפשניידן א שטיקל פאר אסתי. די מעסער איז אבער געבליבן שטעקן. עפעס א הארטע זאך האט איר אפגעהאלטן פון שניידן ווייטער.

רייזי האט געטראכט אז דאס איז צוליב דעם וואס די קעיק קומט פון פריזער. ווען זי האט אבער געזען אז די מעסער לאזט זיך נישט שניידן ווייטער, האט זי א קוק געטאן אויפ'ן קעיק.

וואס זי האט געזען האט איר שאקירט.

"אסתי!!!" האט זי ממש געשריגן, "קום דא!!!"

אסתי איז שנעל געקומען זען וואס די בהלה איז. זי האט געקוקט אויף די קעיק און אירע אויגן האבן אנגעהויבן בליטשקען... זי האט געזען... איר רינגל!

"ניין...." האט זי שוואך געזאגט, "דאס איז אמת'דיג?"

"פארוואס איז מיר נישט איינגעפאלן אז מיר האבן עס אריינגעבאקן אין די קעיק?" האט רייזי געזאגט נאך אלץ אונטער שאק.

"מאמי, מאמי!!" האט רייזי גערופן מיט עקסטאז.

די מומע איז אריינגעקומען אין קאך און געזען א בלאסע ניכטע און אן איבערראשטע טאכטער.

"וואס גייט פאר?" האט זי געפרעגט פארוואונדערט.

"מאמי, די רינגל? יא?"

"יא?"

"דא איז עס...." רייזי האט אן איבערראשטע געוויזן צו די שטיקל קעיק וואס איז געליגן אויפ'ן קאונטער.

די מאמע האט עס באטראכט מיט שטוינונג.

"טאקע? האב איך דען נישט געוואוסט אז א איד גנב'ט נישט?"

רייזי און אסתי האבן זיך געשפירט גוט פארשעמט.

"דאס איז א גוטע לעקציע פאר אונז" האט אסתי געזאגט גערירט.

"יא,יא, א געבאקענע לעקציע" האט רייזי צוגעלייגט. און דאן האבן זיי ביידע געמאכט א מזונות און פארזוכט פון די קוכן וואס האט זיי געלערנט צו דן זיין יעדן איד, אפילו ווען ער איז כמעט זיכער שולדיג.

געשעניש

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב

מען טאנצט נאך יום כיפור קטן אין ביהמ"ד היכל הקודש טבריה

קרעדיט: שלמה טייטלבוים

שיעור דף גמרא אין ביהמ"ד היכל הקודש טבריה

קרעדיט: שלמה טייטלבוים

אנשי חיל טענט ביי ביהמ"ד שומר שבת אין בארא פארק

קרעדיט: יעקב פיש

יום כיפור קטן אין היכל הקודש בני ברק

קרעדיט: נתי לב

עצתו אמונה חלק י׳ ארויס פון דרוק

אפשערן פון הילד נחמן נתן ני״ו בן מו״ה הילל ווייס הי״ו אין ת״ת אין שטעטל

קרעדיט: נפתלי זאבעל

לחיים פון החתן יואל קליין נ"ו עב"ג בת מו"ה אלימלך שארף הי"ו חתן הגה"צ ר' יצחק לעזער שליט"א אין יבנאל

מסיבת לחיים צום עפענונג פון בית פיגא בני ברק

קרעדיט: נתי לב

א נייע צודעק פאר די בימה אין אלעד

קרעדיט: נח לוין

די עלצסטע קלאס פון שטעטל חדר זענען געווען אויף א טריפ אין קרית יואל

קרעדיט: נפתלי זאבעל

יום כיפור קטן אין ביהמ"ד היכל הקודש קרית יואל

קרעדיט: נפתלי זאבעל

דער ראש ישיבה אין א שמועס מיט חברי הנהלה

קרעדיט: אייזיק ראטה

ליל שישי שיעור

קרעדיט: יוסי פרערויא

די קינדער פון תלמוד תורה היכל הקודש
בני ברק ביים שפילן

קרעדיט: איציק מענדלאוויטש

דער ראש ישיבה שליט"א לערענט פאר די דף גמרא
אין גן עדן התחתון - ה' שופטים תשפ"ד

קרעדיט: שמעון איינהארן

קריאת השם פון בת מו"ה רפאל כ"ץ הי"ו
אין שטעטל

קרעדיט: אייזיק ראטה

ראש ישיבה איז מנחם אבל זיין פעטער ר'
מענדל ראטה נאכן פטירה פון זיין ברידער
הרה"ח רבי ליפא ראטה ע"ה

בס״ד

פרייליכע
נייעס!

איר קענט זיך אויפסיינען צו באקומען דעם שטארק אויפגעכאפטע וועכענטליכע

קרית ברסלב בלעטל

יעדע וואך ביי אייער טיר

תוכנ׳דיג און ציענדיג וואס איר וועט נישט טרעפן אין ערגעץ

אדרבה איבערצייגט אייך אליין

צו סובסקרייבן רופט אריין
אדער שיקט א טעקסט צו:

718-387-2691

Subcscribe@kerenhadfusa.org

קינדער בלעטל

מוהרא״ש זי״ע אלס בחור גייט

התבודדות

אויפן בוידעם פון ישיבה

קינדער דערציילן

מעשיות פון תפלה

שיקט אריין אייער מעשה פון תפלה צו:
845.379.1161

1. מוצאי שבת האט מיין האלז זייער שטארק ווי' געטון, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן ס'זאל נישט ווי' טון, שכח אייבערשטער איך בין אויפגעשטאנען די קומענדיגע טאג אן ווייטאג.

2. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן מיר זאל האבן געסט שבת, נאכן נישט האבן אפאר וואכן קיין געסט, שכח אייבערשטער אונזער באבע איז געקומען צו אונזער הויז פאר שבת.

ריצל וועבערמאן, קרית ברסלב, 12 יאר

מיר האבן געבעטן דעם אייבערשטן צו קענען ארויסגיין ערגעץ ווען ס'איז נישט געווען קיין חדר און סקול, שכח אייבערשטער מיר זענען ארויס געגאנגען צו א געשמאקע פלאץ.

משפחת וויינבערג, קרית ברסלב

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן מיר זאלן גיין צו א מילכיגע רעסטוראנט.

שכח אייבערשטער מיר זענען געגאנגען.

ריקי שניצלער, קרית יואל

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל האבן נייע שיך. שכח אייבערשטער איך האב שוין ברוך השם נייע שיך.

גאלדי' קעניג, צפת, 6 יאר

איין טאג בין איך אויפגעשטאנען און איך האב נישט גוט געפילט, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל גוט פילן, שכח אייבערשטער איך פיל שוין גוט ברוך השם.

שרה חנה קורדובו, ביתר

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן צו טרעפן עפעס א שטיקל פאר מיין בייק.

שכח אייבערשטער איך האב עס געטראפן.

נתנאל הייליפרין, קרית ברסלב

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל געווינען די גורל אינעם בלעטל, שכח אייבערשטער איך האב געוואונען.

אהרל קעניג, צפת, 10 יאר

שיקט אריין די ענטפערס פון די ברסלב'ע חידות, א שיחה אין א בילד, א מעשה פון תפילה, א מעשה פון תפילה געמאלן.

און גייט אריין נאכאמאל אינעם גורל פארן קומענדיגן חודש.

צו הערן די גורל פון חודש אלול
רופט קול ברסלב 212-444-9191 #5 #6

געמאלן

א מעשה פון תפילה

חַיִּים דַארְף
אָנְהֵייבְּן חֵדֶר,
אָבֶער עֶר
פִּילְט נִישְׁט
גוּט

אֵייבֶּערְשְׁטֶער
הֶעלְף חַיִּים זָאל
פִּילְן גוּט

שְׁכֹּחַ
אֵייבֶּערְשְׁטֶער
עֶר פִּילְט שׁוֹין
גוּט אוּן גֵייט
שׁוֹין אִין חֵדֶר



געמאלן דורך:
רבקה וועבערמאן תחי'

וואוּ אִיז דִי בְּרִיוו
וָואס אִיךְ הָאבּ
גֶעשְׁרִיבְּן?

אֵייבֶּערְשְׁטֶער
הֶעלְף אִיךְ זָאל
עֶס טְרֶעפְן

שְׁכֹּחַ
אֵייבֶּערְשְׁטֶער
דָא לִיגְט עֶס

געמאלן דורך: פייגי
ראבינאוויטש תחי' צפת

שיקט אריין אייער מאלעריי צו:
845.379.1161 | BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM

משפחת גליק

כאפט א בליק, ביי משפחת גליק.

פ

אמִילְיֶע גְלִיק פַארְצֵיילְן:

צִירִי פַארְצֵיילְט וַוייטֶער:

אוֹיבּ אִיךְ וָואלְט דֶעמָאלְט גֶעטְרַאכְט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל יֶעצְט פוּן מִיר, אַזוֹי וִוי מַיין מַאמֶע לֶערְנְט מִיר אֵייבִּיג אוֹיס צוּ טְרַאכְטְן, וָואלְט אִיךְ זִיכֶער מְוַותֵּר גֶעוֶוען פַאר מֶענְדִי, אָבֶּער דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט מִיר אַזוֹי צֶעמִישְׁט, עֶר הָאט מִיר גֶעמַאכְט אִינְגַאנְצְן פַארְגֶעסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז אִיךְ הָאבּ אֲפִילוּ פַארְגֶעסְן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז אִיךְ וִויל מִיטְקוּמֶען

אִיךְ הָאבּ אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעכַאפְּט אַז דִי מַחֲשָׁבוֹת קוּמֶען פוּן דֶער יֵצֶר הָרָע

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוָואלְט מוּטְשֶׁען מַיין טַאטֶע, הָאבּ אִיךְ אִים נָאר גֶעוִויזְן אַזוֹי מִיט דִי אוֹיגְן אַז אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיטְפָארן

מַיין מַאמֶע הָאט אוֹיסְגֶערוּפְן: "לָאמִיר זֶען וֶוער עֶס אִיז מְוַותֵּר?"

זֶעט אוֹיס אַז מֶענְדִי הָאט יָא גֶעדֶענְקְט וָואס אִיז רִיכְטִיג צוּ טוּן, עֶר הָאט שְׁטִילֶערְהֵייט גֶעזָאגְט: "צִירִי, דוּ קֶענְסְט גֵיין, הָאבּ הַנָאָה!"

אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַזוֹי גֶעפְרֵיידְט! אִיךְ הָאבּ אֲפִילוּ נִישְׁט בַּאמֶערְקְט, אַז מֶענְדִי הָאט אַבִּיסְל טְרוֹיעֶרִיגֶע אוֹיגְן

אִיךְ בִּין אַרוֹיסְגֶעלָאפְן צוּ דִי קַאר, זִיךְ גֶעזֶעצְט אִין פָארְנְט נֶעבְּן דֶעם דְרֵייוֶוערְ'ס זִיץ

מַיין טַאטֶע אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוּן מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פָארְן

אוֹיפְן וֶועג אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גֶעשְׁמַאק, מַיין טַאטֶע הָאט מִיר פַארְצֵיילְט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מַעֲשֶׂה פוּן אַ אִיד ר' שָׁלוֹם, וָואס הָאט מְוַותֵּר גֶעוֶוען אַ זַאךְ וָואס אִיז אִים גֶעוֶוען זֵייעֶר חָשׁוּב אוּן טֵייעֶר, אוּן זְכוּת פוּן דֶעם אִיז עֶר גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן מִיט אַ יְשׁוּעָה, וָואס עֶר הָאט שׁוֹין גֶעוַוארְט אוֹיף דֶעם זֵייעֶר לַאנְג

פּוּנְקְט וֶוען מַיין טַאטֶע הָאט גֶעעֶנְדִיגְט פַארְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה, אִיז מֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי שׁוּל, וואוּ עֶס אִיז פָארְגֶעקוּמֶען דִי בַּר מִצְוָה

מַיין טַאטֶע אִיז אַרָאפּ אוּן אִיךְ בִּין גֶעבְּלִיבְּן אַלֵיין

"נִישְׁט אַלֵיין!" - הָאבּ אִיךְ זִיךְ פְּלוּצְלוּנְג דֶערְמַאנְט - "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא! עֶר וַוארְט צוּ הֶערְן מַיין קוֹל, לָאמִיר רֶעדְן צוּ אִים"

אִיךְ הָאבּ שְׁטִילֶערְהֵייט אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן: שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט מִיטְפָארְן מִיט מַיין טַאטֶע אוּן גֶעקֶענְט הֶערְן אַזַא שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה, אָבֶּער אֵייבֶּערְשְׁטֶער! אִינְמִיטְן וֶוען אִיךְ רֶעד צוּ דִיר, טְרַאכְט אִיךְ, אַז אֶפְשָׁר וָואלְט יָא גֶעוֶוען בֶּעסֶער וֶוען אִיךְ בִּין מְוַותֵּר, אַזוֹי וִוי ר' שָׁלוֹם פוּן דִי מַעֲשֶׂה!

בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ טְרַאכְט יֶעצְט וִוי גוּט אִיךְ וָואלְט גֶעפִילְט, וֶוען אִיךְ בִּין מְוַותֵּר אוּן אִיךְ בְּלַייבּ אִינְדֶערְהֵיים. יֶעצְט הָאבּ אִיךְ אַזֶעלְכֶע שְׁוֶועֶרֶע גֶעפִילְן פוּן חֲרָטָה אוּן רַחְמָנוּת אוֹיף מֶענְדִי! וֶוען מֶען אִיז מְוַותֵּר אִיז מֶען אַסַאךְ פְרֵיילִיכֶער, מֶען אִיז צוּפְרִידְן פוּן זִיךְ אַלֵיין..

אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶערֶעדְט

ל. סאקס

און דֶערְצֵיילְט אַלֶעס פַּארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן און אִיךְ הָאבּ אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעכַאפְּט ווִי דִי צַייט גֵייט אַרִיבֶּער, פְּלוּצְלוּנְג זֶע אִיךְ אַז מַיין טַאטֶע אִיז שׁוֹין צוּרִיקְגֶעקוּמֶען צוּ דִי קַאר

אִיךְ הָאבּ פַּארְצֵיילְט פַאר מַיין טַאטֶע וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט עֶר מִיר גֶעזָאגְט אַ קְלוּגֶע זַאץ, וָואס אִיז כְּדֵי צוּ גֶעדֶענְקֶען: "אַ פַּארְגֶעניִגְן גֵייט אַרִיבֶּער און מֶען פַּארְגֶעסְט פוּן דֶעם, אַ מִצְוָה בְּלַייבְּט אֲפִילוּ מֶען פַּארְגֶעסְט פוּן דֶעם!"

אִיךְ הָאבּ צוּגֶעשָׁאקְלְט מִיטְן קָאפּ און אַרַיינְגֶענוּמֶען דִי ווֶערְטֶער אִין מַיין הַארְץ

"און דָאס אִיז חוּץ פוּן דִי גוּטֶע גֶעפִיל וָואס מֶען שְׁפִּירְט נָאכְן טוּן אַ מִצְוָה" - הָאט עֶר צוּגֶעלֵייגְט

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער אִיר קֶענְט אוֹיךְ אַרַיינְטְרַאכְטְן אִין דִי ווֶערְטֶער, ווֶעט אִיר זִיךְ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ!

צוּם ווִידֶערְזֶען!



דעם רבינ'ס חדר

ברסלב'ע חידות

רבי נתן געזאגט פאר רבי נחמן טולטשינער: נישטא וואו צו אנטלויפן, אויב מען וויל אנטלויפן איז נאר דא איין פלאץ צו אנטלויפן:

א. צום אייבערשטן
ב. צו די פאליס סטעישן
ג. אז מען מופט צו א צווייטע לאנד
ד. אין א שעלטער

ענטפער פון פאריגע וואך:

ווען דער רבי האט גערעדט פון קומען צו אים אויף ראש השנה, האט דער רבי געזאגט: "וואס זאל איך אייך זאגן? קיין גרעסערס פון דעם איז נישט פאראן!

א שטיקעלע ספר המדות

אֱמוּנָה – חלק ראשון

יט. עַל יְדֵי אֱמוּנָה נִתְחַכֵּם.

דוּרְכְ'ן גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוערְט מֶען קְלוּג.

א שיחה אין א בילד

וועלכע מאמר חז"ל דערמאנט דיך די בילד?



ענטפער פון פאריגע וואך:

די הייליגער רבי האט געזאגט: "ווען משיח וועט קומען וועט געלט שטינקען!"

געב א שמייכל

וועלכע קוה געבט נישט קיין מילך?

געבערענגט צו אייך דורך: הרב אלחנן חיים רוטה שליט"א - גבאי צדקה פאר משפחות נצרכים

שרייב טישל

טרעף די וועג

מען קומט שוין נענטער און נענטער צו ראש השנה!

↓



↓

טרעף די ווערטער

ד	נ	נ	ש	נ	ס	ה	א	ט
ב	פ	ט	ג	ח	א	א	ט	ו
ע	א	י	י	כ	ו	נ	פ	נ
פ	פ	י	ו	פ	ו	צ	מ	י
א	ז	ו	כ	א	ו	ע	ס	ל
ר	כ	ו	ט	י	י	ע	ר	ע
ע	ו	צ	ב	ת	ל	י	ח	ע
ל	ת	ר	ע	ר	ק	ש	כ	צ
א	ו	ו	ט	צ	א	י	ע	ב
א	ק	ד	נ	ר	א	י	ע	י
נ	ר	י	ה	י	ז	א	ל	ת
א	ד	ו	ק	מ	מ	צ	ע	נ
א	מ	ע	י	ע	ד	ו	ה	ו
ג	נ	ש	ר	ס	ק	ר	ל	פ
ט	ס	ש	ת	מ	ג	ד	ש	ש
ג	ע	ו	י	ד	א	י	ח	ז
ע	ד	פ	ר	ק	ש	נ	י	ר
ל	ע	ר	ו	ו	ע	ר	ט	נ
פ	י	י	נ	ט	ש	א	פ	ט

איך וויל אייך בעטן טייערע אנשי שלומינו, דערמאנט אייך אלע וואס מוהרא"ש זכותו יגן עלינו פלעגט יעדעס יאר בעטן בעפאר תקיעת שופר: "ווער עס האט א פיינטשאפט אויף א צווייטן - זאל ארויסגיין פון בית המדרש".

(עצתו אמונה האזינו תשפ"א)

קליין פיין

שיקט אריין אייער אייגן געמאכטע קונצווערק צו:

845.379.1161

BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM



ביניש שארף

משה'לע שטיין

נפתלי העסקעל

אליעזר שלמה אפפעל



אליעזר שלמה פיש

מאטי העסקעל



בערל יאקאבאוויטש

14 דער אוצר אויפן באן

דאס לעבן און שאפן פון מוהרא״ש זי״ע

פארזעצונג פון פאריגע וואך: מוֹהֲרָא״ש זי״ע אַלְס בָּחוּר אִין יְשִׁיבָה, גֵייט אַרוֹיף אִין בּוֹידֶעם פוּן דִי יְשִׁיבָה רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט מוֹרא אֶפְשָׁר דְרֵייעֶן זִיךְ דָארְט שֵׁדִים וְרוּחוֹת

פָארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי״ה

גענומען מיט רשות פון עיר ברסלב

צווי וואכן פארבליבן

איינמאליגע גורל געלעגנהייט

דער
ראש ישיבה׳ס

תיקון הכללי

אויף קלף



$1000
א זכות
אינעם גורל

פאר יעדער $250
באקומט איר נאך
א זכות אינעם גורל

דער גורל וועט פארקומען ערב ראש השנה הבעל״ט

רעזערווירט היינט אייער זכות אינעם גורל 347.578.4449

קרן הדפסה
היכל הקודש ברסלב
להדפסת והפצת ספרי רבינו ז״ל ותלמידיו הקדושים בעולם

*sruliHeskel